125

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 7 (העפט 126) עלפטער יארגאנג יולי 1950 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:


אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות...............................** 1
בלומען (ליד)..................................משה יעקב קליפער 5
מאַרס׳ל הייבט שוין אָן צו קוקן (פּאָעמע)............דוד זיידענפעלד 6
אַן אלטער מאן חלומט פון יוגנד
(לויט אָליווער ווענדל האָלמעס)...................רחל דון־יחיא 7
לעאָ קעניג׳ס „שבעה״ (צו קעניגס ראָמאן).............יוסף לעפטוויטש 9
די שיינע שבעה (ראָמאַן).............................לעאָ קעניג 10
דער סאלוט־שאָס, דאָס ליד פון שטיינהאקער, אויפן הר־ציון, נאָך האָב
איך אויף פנים די זון פון ישראל (לידער)..........א. נ. שטענצל 20
אין חדר אַריין... (איבער משה עובד׳ס בוך „אין חדר אַריין״..א. שולמאן 25
דער פלאַם (לעגענדאריש).........................דר. א. ר. סען 28
מיין לעקסיקאָן — באגעגענישן — יוסף הלל לעווי......מלך ראוויטש 32
יואל מאסטבוים אין תל אביב (צו זיין באַזוך ביי אונז)
...............................................בן־א. סאָכאַטשעווסקי 34
די יידישע קונסט אין ישראל.................................ש. 38
דאָס טייערע אידימל (פאָלקלאָר)..............יחזקאל נח ערליכמאן 42
גבריאל וויסמאן, באקאנטער פאָלקלאָריסט, 50 יאָר אלט......ש. ערנסט 44
די וועלט קאָנפערענץ פון „ברית עברית עולמית״ אין ירושלים
(באַריכט) ..........................................ע. 45
מלך ראוויטשעס באזוך ביי אונז אין לאָנדאָן... ..............** 47
די וויטערדיקע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס.............. 48


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

**אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאר א יאָר**

1/9 פאר א פראָבע נומער


By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

# LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.*1

## „מיין ערשט יאר אין ענגלאנד“

קאָנקורס פונם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייִווא — אין ענגלאנד

די עקזעקוטיווע פון דער ייִווא אָפּטיילונג אין לאָנדאָן האָט באַשלאָסן אויסצושרייבן אַ קאָנקורס אויף דער טעמע: „מיין ערשט יאָר אין ענגלאנד“. דער זין פונם קאָנקורס איז צו באקומען אן אלזייטיק בילד פון די איבער־לעבענישן פונם ייִדישן אימיגראנט בעת ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אינם נייעם לאנד. די אויפגאבע פון דער ארבעט וועט דערפאר זיין צו באַשרייבן די עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, יורידישע, שפּראַכ־לעכע און פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן, וואָס האָבן אָנגעטראָפן דעם ייִדישן אימיגראנט אין ענגלאנד און ווי אזוי ער האָט זיי גובר געווען.

ובכן, ווענדן מיר זיך צו אלע ייִדן־אימיגראנטן, וואָס זענען ווען עס איז געקומען קיין ענגלאנד, אז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אונזער קאָנקורס, וואָס דאַרף אויסגעפירט ווערן לויט די פאָלגענדיקע כּללים:

1. באַשרייבט נישט מער ווי מיט 5,000 ווערטער אייערע איבער־לעבענישן אין ענגלאנד פונם ערשטן טאָג פון אייער אָנקומען.

2. שרייבט אין יעדער שפּראַך וואָס איר קענט, נאָר מיר ציען פאר זיך צו באַנוצן מיט ייִדיש, העברעאיש און ענגליש.

3. אייער באַשרייבונג דאַרף זיין באַגרענעצט אויפן ערשטן יאָר פון אייער אויפהאלט אין ענגלאנד.

4. שיקט צו אייער ארבעט אונטער אַ פּסעוודאָנים. אַ חוץ דעם, לייגט אַריין אין אַ באַזונדערן קאָנווערט אייער נאָמען, גענויען אדרעס און פּסעוו־דאָנים. בּיידע קאָנווערטן דאַרפן געשיקט ווערן אויפן אדרעס ווי אונטענאָנ־געוויזן.

5. אייער ארבעט דאַרף זיך געפינען אין לאָנדאָן נישט שפּעטער פונם 15טן אָקטאָבער 1950.

די דערמאָנטע ארבעטן וועלן באַטראַכט ווערן דורך אַ זשורי פון דריי פּערזאָן, און לויט זייער החלטה וועלן פאָלגענדיקע פּרעמיעס פארטיילט ווערן פאר די בעסטע צוגעשיקטע ווערק: (א) דרייסיק פונט; (ב) פופצן פונט; און (ג) דריי ביכער פּרייזן. דער באַשלוס פון דער זשורי איז אן אַנטגילטיקער. די בעסטע ארבעטן וועלן פארעפנטלעכט ווערן אין דרוק אין ענגלאנד אָדער אין אמעריקע.

עס איז אומנויטיק אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון דעם געזאַמעלטן מאַטעריאַל, וואָס וועט דינען אלס בייטראָג צו דער געשיכטע פון דער ייִדי־שער אימיגראַציע אין ענגלאנד.

**א. מ. קייזער,**
**פאָרזיצער.**

מיט אלע אָנפראגעס זיך ווענדן צו:

Yiddish Scientific Institute — Y I V O — in Great Britain,
Barclay House, 783 Finchley Road, London, N.W.11

מיר בעטן אלע צייטונגען איבערדרוקן דעם־אַ אויפרוף.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


נומער 7 (העפט 126) עלפטער יארגאנג יולי 1950 לאָנדאָן


## „אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות“

1

אין דעם היינטיקן חודש, אין די דריי וואָכן, אין די „בין המצרים“ וועלן טראדיציאָנעלע פרומע ייִדן אין ירושלים וויינען ווי אלע יאָר אויפן חורבן בית־המקדש; זיי וועלן חצות אָפּריכטן אין זייערע שולן און בתי־מדרשים, און אין תשעה באב וועלן זיי קלאָגן די איכה־לידער, זיצנדיק באָרפוס אויף דער ערד, זיך שיטן אַש אויפן קאָפּ. עס איז זייער וויכטיק דאָס צו וויסן און זיך עס פאר די אויגן פאָרצושטעלן.

אין דער ירושלים הבנויה, אין דער הערלעך אויסגעבויטער ניי־שטאָט, מיט אירע ווונדערלעכע בנינים, איינס ביי איינס פון שטיינער אויסגעהאַקטע, ווי צווילינג שוועסטערן פון איין מאַמען, פון אונטערן הארץ אַפּויער; אין דער שטאָט ווו דער ישראל פּארלאַמענט, דער כנסת, בויט אויף זיין פּאלאַץ; אין ירושלים ווו די אויסדערוויילטע שליחים פונם פאָלק זיצן און דיסקוטירן און פארטראַכטן די צוקונפט פון ייִדישן פאָלק; אין די זון־באַגאָסענע גאַסן פון ירושלים, ווו ייִדישע מיניסטאָרן, ייִדישע גענעראַלן און מלחמה גבורים גייען ארום אין דער גלאָריע פון זייער דערגרייכונג און מאַכט, וועלן פרומע ייִדן, אין די דריי וואָכן, קלאָגן ווי די וועלט וואָלט זיי מיט אַמאָל פינסטער געוואָרן, און פאר זייערע אויגן וועט שטיין, אַ טרויעריקע, די כותל מערבי, צו וועלכער זיי קענען נישט צוקומען: „ראה אדוני כי הגדיל אויב — —“ זע, גאָט מיין פיין, וואָרים דער שונא האָט זיך געשטאַרקט.

עס איז וויכטיק דאָס צו וויסן און פאר די אויגן עס זיך פאָרצושטעלן!

און וויל דער וועג צו דער אלט־שטאָט, צו דער כותל, איז פארשפּאַרט, איז מיט שטעכיקע דראָטן פארצוימט, וועלן זיך היי־יאָר תשעה־באב ציען מחנות ייִדן אַרויף צום הר ציון, צו די קברי־מלכים און דאָרטן אויף דוד׳ס קבר, אויפן ציון פונם „נעים זמירות ישראל“ אויסצוגיסן זייערע פולע הער־צער, זאָגנדיק און זינגענדיק די אומשטאַרבלעכע קאַפּיטלעך תהילים ביים קבר פון זייער קעניגלעכן שאפער.

אַ סך, אין די טויזנטער, וועלן מסתמא גיין, פון די שולן און בתי מדרשים, פון די ישיבות און חדרים, און דער הערלעך זאַמדיק זוניקער וועג, זיך הויבנ־דיק הימל־אַרויף און טיף אַראָפּ, מעמקים־זינקענדיק, וועט זיך ציען אזוי

היימיש־האָפערדיק, אזוי טויזנטער יאָריק אייביק, ווי דער יומא־דפגראַדיקער גאַנג אין די יידישע שטעטלעך תשעה־באב נאָך קינות: עס איז דאָך שוין נאָך האַלבן טאָג, די גאַנצע קינה אין טרערן שוין אויסגעוויינט, די שטעכיקע בערעלעך, אין באָרד אַריינגעוואָרפן פון ווייסער חברה, שוין אויסגעפלאָנטערט, דאָס האַרץ אַביסל שוין צוריק דערכאַפּט, עס אויסגעזיפצט ביים שטיל אין אויער אַריין דערציילנדיקן מדרש־איכה: משיח איז דאָך שוין געבוירן געוואָרן! עפּעס גייט מען, — מיט אַ לעצט־געבליבענעם זיפץ, טיף אין האַרצן פאַראַנקערט! — נישט קלאָגן אויף די קברים, נאָר עפּעס זינגענדיק מיטן ניגון פון חדר: „אז בהלוך ירמיה — —"

אפילו יענע פרומע קנאים און קאָנסערוואַטיווע אדוקים, וואָס האָבן דעם יום העצמאות געמאַכט פאַר אַ יום הצום, אין יאָר־טאָג פונם באַפרייאונג פון ישראל האָבן זיי געפאַסט, און וואָס קוקן מיט בטול און אפילו מיט פאַראַכטונג צו דער קינצלעכער פאַרהייליקונג פון הר־ציון, ווי אויף אַ פּאָליטישע הײַלונג פון די וואַנט פונם כותל... וועלן אויך אין דעם תשעה באב מסתם זיין צווישן די מחנות וואָס ציען זיך צום הר ציון; וואָרים, אויב ס'איז באמת נאָך אַפילו אַ גרויסער ספק, צי דער הר ציון איז דער קבר־מלכים, אָבער דאָס אַש פון די קדושים פון אוישוויטש און טריבלענקאָ איז דאָך איצט דאָרטן געקומען צו קבורה: „אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות".

2

אָ, עס איז נישט אזוי פשוט איינפאַך! ירושלים, די רעזידענץ שטאָט פון ישראל, איז נישט ליזענסק און דער קעניגלעכער הר ציון איז נישט דער אוהל פונם רבי ר' מלך; ניי־ירושלים איז נישט אַלט־לובלין און די קברי־מלכים פון דוד און שלמה זיינען נישט די קברים פון חוזה, פון מהרש"ל און מהרש"א, ירושלים איז נישט קראָקאָ מיט רמא'ס קבר און שול אינמיטן מאַרק, צי רבי נחמנס טויטן־קלויז אין אומאַן; דאָס היינטיקע ירושלים איז נישט אפילו דאָס אַמאָליקע צפת, מיט אירע הייליקע קברים פון בית יוסף און אר"י, פון אלשיך און רבי משה קורדובירו, ביז אַרויף קיין מירון רבי שמעון בר יוחאי און הלל הזקן — עס פעלט די נאַאיוויטעט פונם שטעטל, דאָס תמימות גלויביקייט פון די מאַסן און דאָס שליח־צבורדיקע, דאָס הדרתדיקע פונם אומאָפיציעלן...

ווען איך בין געווען אויפן הר־ציון און געזען ווי מען צערעמאָנירט אים אויס און ווי מען פאַרשלייערט אים, האָב איך מיר געטראַכט: שלעכטע צערעמאָניען־מייסטערס, אז זיי זאָלן דאָס גיין קאָנקורירן מיט רוים, מיטן פּויפּסט, מיטן צערעמאָניען־מייסטער פון וואַטיקאַן — ביי אונז איז נישט געווען קיין צערעמאָניע, ביי אונז איז געווען אינערלעכע עבודה „לפני ולפנים"! עפּעס האָבן זיי, די פלינקע צערעמאָניען־מייסטערס פון הר־ציון, (זיך צוקוקנדיק צו זייער איילקער אַרבעט און געזען וואָס ס'קומט אַרויס.) פון קערמיס־אויפשטעלער אין אַ דאָרפישע פיראַפּיע, להבדיל, אין יעדן ביידל עפּעס



אַנדערש צו פאַרקויפן, עפּעס אַנדערש צו באַווייזן, אַן אַנדערע שמאַכטע, אַן אַנדערע קונץ: דאָ פאַר תהילים זאָגער, דאָ פאַר משניות לערנער, דאָרטן פאַר מענה־לשון־זאָגער — עס פעלט מאָנומענטאַלקייט, קינסטלערישע פאַנטאַזיע, עסטעטישער צוגאַנג. אויב שוין יאָ צערעמאָניע, מישטיינסגעזאָגט, מוז מען עפּעס קענען. נישט פאַר ח"י גדולים מאַכן אַ נייעם אל מלא רחמים!...

און ווען אין איינעם, אזא אויסגעסטראָיעטן שטיבל, אָן יעדן מינדסטן קונסט געשמאַק און עסטעטיש געפיל, כ'האָב דערזען די צוגעדראָטענע צו די טישן פאַפּירענע בלומען, האָט אויסגעבראָכן אין מיר, — נישט קיין געקלאָג, נישט קיין געבעט! — אַ געוואַי פון אַ הונט וואָס וואַרפט זיך אַנידער פאַר די שוועל ווען ער דערזעט, אז דער בעל־הבית איז טויט.

כי טוב כלב החי מאריה המת"! דאָס האָט שוין געזאָגט שלמה המלך, ווען מען האָט אים געזאָגט, אז דוד המלך איז טויט. דאָס איז דער אומפאַרמיידלעכער וועג פון דער געשיכטע, אפּנים. וויפיל דאָס אַלטע זאָל נישט טראָגן טיף אין זיך פּערספּעקטיווישע שיינקייטן, אויף זיך דעם אָריאָל פון פּאַטינע, מוז עס מאַכן אַ וועג פאַרן נייעם, פאַרן לעבנס פּעאיקערן. אמת, שפּעטער, — ביים „ברענגען צו זיינע עלטערן" דאָס פריש־געבוירענע, ווייל דאָס גייט דאָך אויך דעם זעלבן געשיכטלעכן וועג! — ביים גראָבן שיכט נאָך שיכט, דערגראָבט מען זיך צוריק צום גאָלד־אָדער, צום מקור; אָבער דער הוה מוז תמיד זיין דער באַזיס אויף וועלכן מען מוז שטיין מיט ביידע פיס, אז מען וויל זיך פאַרבויגן צום עבר, אז מען וויל פאָראויסזען דעם קומענדיקן עתיד.

יעצט אין אונזערע טעג, ביי דער פּאָליטישער און סטראַטעגישער לאַגע אין וועלכער ישראל האָט דערגרייכט, נאָך באמת שווערע געראַנגלענישן און נצחונות, איז מסתמא דער פּלאַן אויסצובויען דעם הר הערצל צו די הערלעכקייט פון די שטאָט ירושלים. די ברייטע פּלאַטע פונם באַרג און איר געאָגראַפישע מיט אין דער שטאָט איז אזא, אז עס איז ראוי דערצו; דער ברייטער בליק איבער אַלע פיר זייטן פון דער שטאָט, איבערן גאַנצן לאַנד כמעט האָט אין זיך מאָנומענטאַלע מנוחה און מאַיעסטעטישע רחבת. און אז עס ליגט אין די הענט פון טאַלענטירטע אַרכיטעקטן מיט פאַרנעם, דאָס קאָן מען שוין זען ביי דער האַלבער אַרבעט.

געשיכטע ווייסט נישט פון קיין סענטימענטן, געשיכטע ווייסט נישט פון אינערציע, זי גייט, איבער די קעפּ פונם פאָלק, צו זיין צוקונפט, צו זיין אייביקייט.

— עס איז געווען דער פּאַסטוך דוד, וועמען די געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט אָנגעטון די קרוין, אַלעס קלוגסטע זיין זון שלמה'ן צוגעשריבן; די שוואַכסטע זייטן, אפילו משיחיש געזאַלבט. און אַצינד איז עס דער פּעליטאָניסט הערצל, דער דערפינדער און באַגרינדער פונם פּאָליטישן ציוניזם! אַזוי שיינט עס, זאָגן אַצינד די פירער פון ישראל, די וואָס שטייען ביים רודער פון דער יידישער געשיכטע.

צי דער הר־ציון איז באמת דער קבר פון ד׳ יידישע מלכים, איז נאָך גע־שיכטלעך מטול בספק, און צי דער הר־הערצל, ווו די ביינער פונם מנהיג און באגרינדער פונם פּאָליטישן ציוניזם, וועט זיין בכוח איבערצושטייגן דעם הר־הבית, דאָס ליגט נאָך טונקל אין דער געשיכטע. אמת, דער הערצל־בארג איז אימפּאָזאנט, מאָנומענטאל און מאיעסטעטיש, די הערצל אידעע — גרויס, אָבער העכער ווי די אויסגעבויטע משיח־אידייע, — אין יידישלעכן בענק־שאפט און אין תמימותדיקן גלויבן! — וועט דאָס יידישע פאָלק אלנפאָלס שוין נישט איבערשטייגן.

עס איז נאָך בכלל אַ יידישלעכע פראגע: צי סאָציאַליסטן, וואָס שטייען ביים שפּיץ פון אַ רעגירונג קאָן געלינגען (פון מעגן פרעגן מיר שוין נישט!) דאָס ביסעלע אָפּיום אויסצוזידן, וואס איז על כל פּנים נויטיק, בכדי צו רע־גירן מיט מאסע און אויסגיסן דעם אלטן ווין, אָפּגעשטאַנענעם אין טויזנט יאָריקע לעגענדעס און אין נאַאיוון גלויבן.

און ווייל, די געשיכטלעכע נויטווענדיקייט, דאס וואס געשעט גייט נישט אַרויס פון אַ מאכט ווילן, נאָר פון אן אידעאָלאָגיע, נישט צומאָל פון אַ פּארטייאישע, נאר פון אַ גאנצער עפּאָכע, אַ ראציאָנאליסטיש השכלישע, וועלן מיר זיך מתיר זיין אין „די דריי וואָכן“, אויפצושרייבן בכתב, אַן אַנגעווייטאָגטן ענין וואָס כ׳האָב געמיינט, אז איך וועל שוין האָבן יוצא געווען מיט בלויזן בעל פּה:

עס איז אָן שום ספק, אז דער קנאישער קאמף פון די נטורי־קרתא איז אומגעלומפּערט, איז אומבאהאָלפן! זיי געהערן לרוב צו די אונגארישע פרומע כולל־יידן; זיי געהערן צום יענעם טייל, אָרטאָדאָקסישן יידנטום, וואָס קומען פון אַ ישוב ווו די קהילות זענען צוטיילט־אין צוויי געמיינדעס, אין אָרטאָ־דאָקסן און „נעאָלאָגן“; זיי האָבן געהאט עקסטרא שוחטים און אפילו אַ בית־הקברות יעדע קהילה באזונדער; די מיטגלידער פון די צוויי געמיינדעס האָבן זיך נישט משדך געווען צווישן זיך! מיינען זיי, אָט די פרומע אָרטאָדאָקסן, אז אויך בנוגע נאציאָנאַלע אויסן־פּאָליטיק, אין וועלכער די פרומע פילן זיך אַביסל פריקרע און געקריוודעט, מעגן זיי אויך טיילן דאָס יידישע פאָלק.

עס וועט זיי אָבער בשום אופן נישט געלינגען! וואָרים ביי די געמיינדעס האָט עס מער געשמעקט מיט פראנקפורטער פרומאקישקייט, ווי מיט אינער־לעכער יידישלעכקייט, כאטש די זאכן שטאמען נאך פון בימי החתם סופר...

אָבער דאָס מוז געזאָגט ווערן, און וואָס עס וויל זיך דוקא איצט אין די טעג פון „די דריי וואָכן“ זאָגן: זיך צו באציען צו זיי ווי צו בוגדים, אָדער צי־ניש קוקן אויף זיי ווי אויף כולל יורדים, וואָס פירן אַ „קלאַסן־קאמף“ מיט די רייכע קרן־קימת פקידים... דאס טארן מיר בשום אופן נישט! מען מוז קוקן דערויף ווי אויף אַן אידעאָלאָגיע, אַ קאָנסערווירטע, אַ פארשטייפטע פארהאר־טעוועטע, אין דור־דורות פון גדרים און דינים — עס איז יהרג ועל יעבור.



— וואָרים זייער ליבשאפט צו ירושלים, צו דער עיר העתיקה, צו דער אלט־שטאָט, איז אויך אזא דינאַמיש דינימדיקע, אזא דורות געהאָדעוועטע. עס איז אַ טרוקענע ליבשאפט פון חתם־סופרישן שניט, אַן הלכה׳שע, — עס איז נישט די חסידישע אהבה, די אגדה׳ישע! עס איז די ליבשאפט פון אַ חיהשן אינ־סטינקט, — וחי בהם!! — ווי די מויל־וואורפן זענען זיי איינגעגראָבן אין דער שטייניקער הארטער ערד אונטער די חומות פון ירושלים.

און אויב בנוגע דעם פּאָליטישן קאמף פון די נטורא קרתא שטייט דער סתם פרומער ייד רעזערווירט, אָבער צו זייער עלעמענטארער ליבע צו דער עיר־עתיקה און צו זייער מסורהדיק איבערגעבנקייט צו דער הייליקייט פון ירושלים, קוקט דער פרומער ייד אַרויף צו זיי, ווי צו זייער אוואנגארד און מסירות־נפשדיקע פּאַרקעמפער.

אין די טעג פון „בין המצרים“, אין די דריי וואָכן, איז גוט אז מען זאָל עס וויסן, אז מען זאָל עס האָבן פאר די אויגן, אז יידן זענען דאָ נאָך אין ירושלים, וואָס פון זייער ליבשאפט צו איר, צו איר הייליקייט און פאלקס־טימלעכע מסורות, קאָנען זיי אַפילו ווערן „מוסרים“ און „בוגדים“: „אז בהלוך ירמיהו — —“

---

## משה יעקב קליפער (אנטווערפּן)

### בלומען...

יינגע בלומען ווייט פון טומל
בליען, וואַקסן אויס אינאיינעם;
העכער, שענער נאָר אין בלומל —
וואַקסט, און קוקט אין הימל ריינעם...

אלע בלומען פול מיט קנאה,
קוקן אויף דעם בלימל שלאנקן;
וועבט אין זיירע הערצער שנאה
זיך, מיט טרויריקע געדאנקן..

פּילט דאָס בלימל זיינע ברידער,
זייער בענקן, זייער טרוירן,
בייגט אַראָפּ זיך אין דער נידער,
צווישן בלומען — ווערט פארלוירן...

## דוד זיידענפעלד

# מאַרס׳ל הייבט שוין אָן צו קוקן

שוין, די ביימער בעטלן, שנאָרן,
פון דער זון דאָס לעצטע ליכט.
אויסטאָג איז דער טאָג געוואָרן.
אויסגעטאָן זיך אומגעריכט.
דאָרטן ווו די זון, איר הויב
מיט רויטע שטרייפן, אָנטאָן גייט,
פליט אַהין אַ ווייסע טויב,
זאָל זי פליען געזונטערהייט.
און די זשאבעס מיט די באַקן,
רכילות הויבן אָן צו קוואַקן.

מיט גרינע אויגן זיך אויפבלאָזן,
אַ זינגער יעדער אין זיין זומפּ.
און די לאַנגע גרינע גראָזן
געווערן אין די געלע שטרימפּ.
דאָרטן ווו דאָס פעלד זיך בעט
ביי די וואָלקנס כאָטש אַ טראָפּ,
מבל׳ט און אַ נס געשעט,
אַז ס׳גייט איבער אזש דער טאָפּ.
און די בליצן צווייגן רייסן,
לאָנקעס מיט זיי אָפּצושמייסן.

און די פעלדער קיצלן, שטויסן,
מיט די שפּיזן פון דער זון;
פאַרליבטע, אויף געליבטעס שויסן,
ווייסן אויך דעם טעם דערפון.
דאָרטן, ווו דער פאַרנאַכט פויל,
אַ שלעפעריקער אויף אַ בוים,
מיט אַלע פינגער אין זיין מויל,
קען זיין אויג אויפהאַלטן קוים.
דאַכט זיך אים, אַז ער קען הערן,
דאָס שטילע שושקן זיך פון שטערן.

מאַרס׳ל הייבט שוין אָן צו קוקן,
ווענוס׳ל אַן אייגל ווינקט,



פון ליבע אַ זאָק הייבט אָן צו שטריקן,
דער פּאָעט שוין זיין פעדער טינקט.
דאָרטן, ווו דער הימל שוין,
הויך און הייליק זיך אָנצינדט,
טוט זיך אָן די ערד אַ קרוין,
און הילט זיך איין אין אָוונט־ווינט.
און די שטערן אַלע קריינען,
די יונגע נאַכט אין זי באַשיינען.

## רחל דון־יחיא

# אַן אַלטער מאַן חלומ׳ט פון יוגנט

(לויט אָליווערווענדעל האָלמעס)

אָ, אַוו נעמט מען אַ שעה פון יוגנט־פרייד!
איין שעה פון מיין צוואַנציק יאָריקן פרילינג!
בעסער לאַכן און שטיפן מיט האָר גאָלדן־ברוין,
איידער די גראָע באָרד און אויפן קאָפּ אַ קרוין!

אָ. יאָרן פאַרגאַנגענע, אייער גרויסע מתנה;
מיינע קנייטשן פון שטערן, די טיפע כוונה,
די חכמות, נסיונות איר האָט מיר געגעבן,
צוריק נעמט אייך, פאַר איין שעה, נאָר איין שעה
צו געניסן פון לעבן.

כאָטש אַ מאָמענט זאָל מיין לעבנס־שטראָם פליסן,
לייב־פלאַמען צוצינדן — פון לעבן געניסן!
פאַרשכורט מיט ליבע, אין תאווה פאַרטרונקען,
דער פייער פון לעבן צעפלאַקערטע פונקען!

אַ מלאך אין הימל האָט מיין תפילה געהערט
און ער האָט פאַרשטאַנען איר ווערט.
„ווען איך ריר נאָר אָן דיין זילבערנע באָרד
ווערט דיין ווונטש דערפילט גלייך אויף אַן אָרט״.

„אָבער האָסטו נישט עפּעס אין דיינע זכרונות,
דערוואָרבן גאַנץ שווער, באַשטאַנען נסיונות,
נאָך וואָס דו וועסט בענקן, ס׳וועט דיין גליק שטערן
ווען דיין גרויסער ווונטש וועט אויסגעפירט ווערן?״

— נו יאָ, מיין ווייב, די געטרייסטע פון פרויען,
אָן איר, מיין באַגלייטערין, וועל איך נישט רוען.
נאָך איר וועל איך בייִנקן יומם ולילה,
איר מוז איך מיטנעמען, מיין אשת־חיל.

דער מלאך האָט אַ סאַפּירענע פּען אויסגעקליבן,
אין טוי פון רעגנבויגן געטונקט און גלייך פאַרשריבן:
„צוריק ווילסטו ווערן אַ בחורל אַ פרייער,
אָבער אויך בלייבן דער מאַן דער געטרייער".

„און האָסטו נאָך עפּעס נישט גאַנץ דערזאָגט,
אין דיין שטרעבן פאַר יוגנט וועלכע יאָגט דיך און יאָגט?
געדיינק, אַלץ וואָס דוס'ט דערוואָרבן גייט פאַרלאָרן
מיט דעם בינטל פון די יאָרן".

—- אָ, יאָ, בין איך דען נישט קיין געטרייער פאָטער,
פון מיינע זין און טעכטער צו ווערן פּטור?
ניין, דערויף וועל איך קיינמאָל נישט באַשטיין!
אָן זיי קען איך מיר איבערהויפּט נישט באַגיין.

דאָ האָט זיך דער מלאך פון הימל הילכיק צולאַכט,
זיין סאַפּירענע פּען האָט ער גוט באַטראַכט:
„ניין, געטרייער טאַטע, דאָס איז נישט קיין פּלאַן,
דו ווילסט ווערן אַ בחורל אַ יונגער און אויך בלייבן פאָטער און מאַן?"

דאַן האָב איך מיר אויך צולאַכט אויפן קול.
דער געלעכטער ט'געקלונגען אויף באַרג און אויף טאָל,
פון די „הימלען" די הויכע אַראָפּ צו דער ערד,
און ווידמע מיין חלום צו די „בחורימלעך" מיט די ווייס־גראָע בערד.

---

יוסף לעפּטוויטש

## לעא קעניג'ס „שבעה"

### אַ שטיק לאָנדאָנער יידיש פאָלקס לעבן

עס געשעט זעלטן — דוכט זיך אַז דאָס איז דער ערשטער פאַל, ווייל די מעשה מיט שלום אש'ס „קריסטלעכע" ביכער איז אַ סך אַ שפּעטערער — אַז אַ יידיש בוך געשריבן פון אַ באַוווּסטן יידישן שרייבער זאָל אַרויס אויף ענגליש, אין איבערזעצונג, און זאָל ניט זיין פאַראַן פאַר דעם יידישן לייענער, אויף יידיש, אין אָריגינאַל.

איך בין אַליין אַן איבערזעצער, ווייס איך וואָס דאָס הייסט, אַפילו ביי



דער בעסטער איבערזעצונג, אַז דאָס בוך וואָס דער מחבר האָט עס אַליין אָנגעשריבן, זיינע ווערטער, זיינע אותיות, זיין לשון עקזיסטירט ניט, נאָר אַנדערע ווערטער, אַנדערע אותיות, אַן אַנדער לשון.

עס איז אַ מדרגה צו ווערן איבערזעצט. אַן איבערזעצט ווערק קען געפינען דעם וועג אין דער וועלט־ליטעראַטור אַריין. אַלע קלאַסיקער זענען איבערזעצט אויף אַלע לשונות. די קליינע ליטעראַטורן זוכן שטענדיק אַ וועג ווי אַזוי זייערע בעסטע שרייבער זאָלן ווערן איבערזעצט, אַז די וועלט זאָל וויסן פון זיי. און די יידישע ליטעראַטור וויל און דאַרף איבערזעצט ווערן.

אָבער אַזאַ פאַל, ווי מיט קעניג'ס „שבעה", איז זעלטן, אַז דאָס בוך זאָל זיין פאַראַן אין דער איבערזעצונג, און ניט אין אָריגינאַל.

עס מוז שוין זיין אַ צוואַנציק יאָר זייט קעניג האָט אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע בוך, „שבעה". איך האָב עס איבערזעצט אויף ענגליש, און ס'איז שוין 16 יאָר זייט דאָס בוך איז דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג, ביים באַקאַנטן ענגלישן פאַרלאַג, „מעטהיען".

דאָס בוך האָט געצויגן אויף זיך אַ סך אויפמערקזאַמקייט. די ענגלישע קריטיקער האָבן געשריבן זייער וואַרים וועגן דעם. עס וואָלט אפשר געווען כדאַי אָפּצודרוקן איצט עטליכע פון יענע ענגלישע רעצענזיעס וועגן קעניג'ס בוך. זאָלן די יידישע לייענער וויסן וואָס פאַר אַ איינדרוק דאָס בוך האָט געמאַכט אויף גויים. ווייל דאָס בוך איז אַ שטיק יידיש לעבן, אַ שטיק לאָנדאָנער־יידיש פאָלקס־לעבן. און די ענגלישע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן עס אַזוי פאַרשטאַנען, און האָבן עס אַזוי אָפּגעשאַצט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט עס פאַרגליכן מיט זאַנגוויל'ס „קינדער פון דער געטאָ", דאָס ערשטע קינסטלעריש ווערק וועג.ן די איינגעוואַנדערטע יידן אין ווייטשעפּעל, און יענע גאַסן אַרום „פּעטיקאָוט ליין", אַרום אָלדגייט.

קעניג'ס בוך דרייט זיך אַרום קאָמערשל רויד, דאָרט ווו דער פאַרשטאָרבענער אַלטער גאָלדבלום, נאָך וועלכן זיינע קינדער זענען געזעסן שבעה, האָט אַזוי פיל יאָר געלעבט און געפירט זיינע געשעפטן. און אָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, און דאָס גאַנצע יידישע לעבן אַרום אים, און דאָס לעבן פונם נייעם דור, פון זיינע קינדער, וואָס זענען געקומען צוריק צו זייער קינדער היים פון זייערע וווינונגען אין גאָלדערס גרין און קריקעלוואָוד, צו זיצן דאָרט שבעה, אַלע צוזאַמען נאָכן טאַטן, אַן אייגענער מנין, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם בוך.

עס איז אַ בוך געשריבן אַזוי אַז מ'דערקענט אַז דער מחבר איז דאָרט געווען, אינעווייניק, אַז ער קען די מענטשן און מאָלט זיי מיט אַלע דעטאַלן, מיט אַלע פּרטים, די מענטשן און די סביבה און דאָס גאַנצע לאָנדאָנער־יידיש לעבן, די איסט־ענד מיט אירע קאָלאָניעס אין גאָלדערס גרין און קריקעלוואָוד, דעם פאַרשטאָרבענעם דור, און דעם לעבעדיקן דור, דעם ווייטשעפּעלער נעכטן, און דעם לאָנדאָנער־יידישן היינט.

דאָס בוך האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין יידיש — ווי זאָגט דער ענגלענדער, „בעטער לייט טהען נעווער".

## לעא קעניג

# די שיינע שבעה

1

שיינע לוויות זענען גאָרנישט אזוי זעלטן היינטיקע צייטן.

ווער ס׳איז געווען רייך, אַ בעל־צדקה און האָט זיך ביים לעבן געמאַכט אַ סך פריינט; ווער ס׳איז נישט געווען אזוי רייך, איז ער אָבער געווען אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ כלל־טוער און האָט געהאט די זכיה די צייטונגען זאָלן מעלדן וועגן זיין טויט און פון זיין לוויה, ווען און פונוואַנען זי וועט אָפּגיין.

אנדערע האָבן גרויסע לוויות, ווייל זיי האָבן דאָס גליק צו באלאנגען צו גרויסע, צעצווייגטע משפחות: שוועסטער, ברידער, קוזינען, פעטער, מומעס, שוועסטער־קינדער, גליד־גליד געשוועסטער־קינדער; און אנדערע נענטערע און ווייטערע קרובים, וואָס האָבן אפילו קיין באזונדערע נעמען נישט אין דער „פאמיליען־שפּראך" און מען דאַרף אַ סך פלאָנטען און רעדן איידער מען באצייכנט ווי אזוי זיי זענען קרובים... ווי צום באַשפּיל: אַ שוועגערינס אַ מומעס טאָכטערס מאַן, אָדער: אַ שטיפמוטערס אַ פעטערס קינדער, מיט וועלכע איר האָט זיך נאָך אויפגעהאָדעוועט אין איין שטעטל און אַמאָל נאָך מיט זיי געלערנט אין איין חדר.

אלנפאלס, זענען שיינע לוויות, נאָך וועלכע עס שלעפּן זיך נאָך אַ סך שוואַרצע, גלאַנציקע „קערעזשעס", וואָס זעען אויס ווי נייע קאַלאַשן, מיט אַ סך אבלים, צוליב וועלכע דער גאסן־פּאַרקער ווערט אזש געשטערט — גאָרנישט אזא זעלטענע זאך אין אזא ריזיקער וועלט־שטאָט ווי לאָנדאָן. נישט איינמאָל בלייבט איר שטיין אין גאס צוגלייך מיט אנדערע פאַרבייגייער, נעמט אראָפּ דעם הוט מיט אלע כבוד׳ן און, נאָכקוקנדיק אזא לאנגע, טרויעריקע פּראָצעסיע, גיט איר שוין אויטאָמאַטיש אַ טראַכט — אַ שיינע לוויה, און איר גייט ווייטער.

אָפּט זעט מען שיינע לוויות. באזונדערס בין הזמנים, צווישן די סעזאָנען פון יאָר, ווען אלטע און קראַנקע לייט שטאַרבן ס׳רוב.

אָבער דערפאַר טאַקע זענען שיינע שבעה׳ס זייער, זייער זעלטן, דאַכט זיך.

איר זעט אָפּטמאָל אַ שיינע לוויה אין גאס; און אויב איר איילט זיך נישט בשעת די נישט אנגענעמע באגעגענישן — ס׳ווענדט זיך אין דעם צי איר זענט אבערגלויביש און צי איר האָט שוין פאַר זיך באַשלאָסן, אז אַזאַ „באַגעגעניש" איז אַ גוטער סימן און איז מזלדיק פאַר אייך — בלייבט איר שטיין אַ ווײַלע מיט דעם הוט הויך אין דער האַנט — אָדער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויב ס׳איז אַ יידישע לוויה — און איר טרייסט פילאָזאָפיש דעם אומבאַקאַנטן מת, וואָס ליגט איצט אינם געגלעזטן און געגילדטן וואָגן מיט קרענץ



באַלייגט און ווערט באַגלייט פון אַזויפיל פריינט און אויטאָמאָבילן צום „איי־ביקן הויז".

— ער ווייסט טאַקע נישט פון דער שיינער לוויה, וואָס ער האָט אַצינד. ס׳איז טאַקע מער פאַר די לעבעדיקע, אָבער דאָך... ווער ווייסט, אפשר ווייסט ער יאָ דערפון? אפשר איז אַ טויטער נישט אינגאנצן טויט די ערשטע פאָר וואָכן נאָך זיין טויט, נאָר ווען מען איז זייער, זייער לאנג טויט איז מען אויף אַן אמת אינגאנצן טויט?...

איר פארגעסט אָבער זיך פאָרצושטעלן, אז אָט דער „גליקלעכער" מת, דער הויפּט־מחותן פון דער שיינער לוויה, איז אפשר גאָרנישט אַזוי גליקלעך! אז אָט באלד, ווי מען וועט אים מקבר זיין אויפן שיינעם שטיקל אָרט אויפן בית־עלמין און דער „רעווערענד" וועט אָפּזאָגן די דרשה, און דער איינציקער אפשר יורש וועט אָפּזאָגן קדיש, וועלן זיך אלע אבלים אָפּוואַשן די הענט און זיך צעפאָרן פונם הייליקן אָרט, יעדער צו זיינע אייגענע ביזנעס און ווילונגען.

יאָ, טאַקע זיי וועלן זיך אָפּוואַשן די הענט... און אין דער שטוב, ווו דער מת האָט ערשט נעכטן געגוססט, אייערנעכטן געקרעכצט און פאַראַכטאָגן געלעבט, וועט זיין ליידיק און טרויעריק, פיל טרויעריקער ווי אויפן בית־עולם, ווו מען האָט אים קובר געווען. דער שפּיגל פאַרהאנגען, און אפשר בלויז די אלמנה מיט איין זון צי מיט איין טאָכטער וועלן זיך ארומדרייען, גלייך ווי זיי וואָלטן נישט געווען זיכער צי זיי דאַרפן אויך אויסטון די שיך און אין די זאָקן, אויף נידריקע בענקלעך, זיך זעצן שבעה... אין שטוב איז דאָך סאַי ווי אַזוי אומעטיק.

און דאָס אייגענע טראַכט, דאַכט זיך, ווייס און בלינד דער פאַרהאנגענער שפּיגל: נאָך וואָס האָבן זיי מיך פאַרהאנגען מיט אַ ליילעך? ס׳איז דאָך סיי ווי נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך שפּיגלען אין מיר; און דאָס ליילעך קילט נאָך אַזוי מיין גלאָזיק לייב... — — — —

ניין, שיינע לוויות איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. ווארום נישט אלע, וואָס זענען זוכה צו שיינע לוויות, האָבן אויך שיינע שבעה׳ס: ווער ס׳האָט, רחמנא לצלן, אינגאנצן קיין קינדער נישט געהאט; וועמעס קינדער עס זענען אומגעקומען דורך מלחמות, מגיפות און מיתות־משונות; און אַן אנדערנס קינדער זענען סתם אזוי פאַרוואָרפן, פאַרוואַגלט, ערגעץ אין ווייטע, פרעמדע מדינות...

און ווי טרויעריק איז אַ שיינע לוויה, ווען צווישן אלע באַגלייטער איז דאָ אינגאנצן איין זון אָדער אַן איין און איינציקע טאָכטער. און אז צוויי שוין? עט, וואָס איז אַ שיינע לוויה אָן אַ שיינער שבעה!

2

אַן אמת שיינע שבעה האָט געהאט ר׳ שלמה גאָלדבלום פון קאָמערשל רויד, מזרח־לאָנדאָן.

אזא שבעה ווי ר׳ שלמה גאָלדבלום ע״ה האָט געהאט, האָט מען שוין נישט

היינטיקע צייטן, נישט ביי יידן און נישט ביי קריסטן; נישט אין דער איסט־ענד און נישט אין דער וועסט־ענד.

ס׳איז געווען אַ שבעה, פון וועלכער גאַנץ מזרח־לאָנדאָן האָט אין יענער צייט גערעדט.

און ווען אַלטע איסט־ענדער יידן גייען פאַרביי דאָס הויז, וווּ ר׳ שלמה גאָלדבלום ע״ה האָט געלעבט, געהאַנדלט און געשטאָרבן, מוזן זיי נאָך איצט כאָטש ס׳איז שוין עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, אָפּשטעלן זיך ביים פאָטאָגראַפּטשיק „נעקסט דאָר" און, קוקנדיק אויף די פאָטאָגראַפּיעס פון יידישע שיינהייטן, מייסטנס כלות אין שלייערס מיט בלומען און חתנים מיט צילינדערס, טראַכטן:

— אוי, האָט ער געהאַט אַ שבעה, רבונו של עולם!

דעם „אויף אונז געזאָגט געוואָרן", וואָס קומט באַלד נאָך דעם „רבונו של עולם", דערזאָגן זיי נישט און דערטראַכטן אַפילו נישט.

— מיטן טויט טאָר מען זיך נישט שפּילן... מען קען זיך נאָך אויסרעדן אין אַזאַ מינוט... דער שטן איז מקטרג...

* * *

די לויה ר׳ שלמה גאָלדבלומס איז דווקא נישט געווען אַזאַ געהויבענע און רייכע. מען האָט שוין אין דער איסט־ענד געזען שענערע און רייכערע לוויות: פון רבנים, פון גרויסע, אַלטמאָדישע פילאַנטראָפּן, וואָס יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין אַ משה מאָנטעפיאָרע און כאָטש זיי זענען געווען שטאַרק רייך, געהאַט הויכע טיטולן און פאַרמישט מיט רעגירונגען, האָבן זיי דאָך געוואָלט, מען זאָל זיי דאָס לעצטע מאָל דורכפירן דורך די יידישע גאַסן און זייערע שולעכלעך...

לוויות האָט שוין די איסט־ענד געזען אַ סך, אַ סך גרעסערע און שענערע ווי גאָלדבלומס.

דאָס הייסט, אַ שיינע לויה האָט ר׳ שלמה גאָלדבלום יאָ געהאַט, אָבער נישט אַזאַ לויה, וואָס מען זאָל זי געדענקען, מען זאָל פון איר רעדן. אַ לויה נישט צו פאַרזינדיקן. נאָכן ארון זענען נאָכגעפאָרן ביי אַ צוועלף קאַרעטן, צווישן זיי אַ פּאָר אייגענע אויך. ר׳ שלמה גאָלדבלום איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, אַ שיינער בעל־הבית מיט אַ ברייטער האַנט אין זיין שול. אָבער אַזוי האָט ער זיך אין „סאָסייעטיס" נישט איבעריק געמישט.

ער איז געווען פון די אַמאָליקע געזונטע טאַטעס, וועלכע זענען שטענדיק פאַרנומען מיט זייערע קינדער, זייער דערציאונג, זייערע געשעפטן, זייערע ווייבער און קינדער, אַז זיי זאָלן צופיל צייט האָבן פאַר אַנדערע קהלשע ענינים.

דאָ איז אַ זון אין דאַגות־געשעפטן, דאָ איז אַ צווייטער זון צעקריגט מיטן ווייב; אַן אייניקל איז קראַנק, אַ צווייטס דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע, רחמנא לצלן. היינט, די טעכטער און די איידעמס! און ער, ר׳ שלמה גאָלדבלום, האָט עס אַלץ אויף זיין אַלטן קאָפּ געטראָגן, אַ חוץ זיינע אייגענע געשעפטן.



ווער שמועסט, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק איז אויך זיין צווייטע פרוי געשטאָרבן, און ער האָט נאָך געמוזט זיין נישט נאָר אַ טאַטע, נאָר אויך אַ מאַמע צו זייערע קינדער; נישט נאָר אַ זיידע, נאָר אויך אַ באָבע צו זיינע אייניקלעך!

— איך האָב געגנוג צו טאָן מיט מיין אייגענער „סאָסייטי" — פלעגט ער זאָגן זיינע באַקאַנטע יידן, וועלכע פלעגן אים רופן צו די פאַרשיידענע סאָסייטי־פאַרזאַמלונגען. איז טאַקע דעריבער זיין לויה ניט געווען קיין רייכע, אויסערלעך; און אין די צוועלף קאַרס, וואָס האָבן באַגלייט זיין ארון, זענען כמעט בלויז די „מעמבערס" פון זיין אייגענער „סאָסייטי" געפאָרן.

דאָס הייסט, ווען מען זאָל מיטנעמען אַלע זיינע אייניקלעך אויך, וואָלט מען געדאַרפט האָבן נאָך אַ האַלבן טוץ קאַרעטן זיכער. אָבער זיינע זין, שנורן און טעכטער האָבן צווישן זיך באַשלאָסן — די שנורן האָבן באַשלאָסן און די מענער האָבן טרויעריק צוגעשטימט — אַז מען זאָל די קינדער צו דער לויה נישט מיטנעמען...

פריער האָבן זיי עס געטאָן טעלעפאָניש. דער קאָפּ איז נישט געווען דערביי און ס׳האָט נישט געפּאַסט אַזוי צו גיין צוגאַסט, ווען מען האָט געוווּסט, אַז שוין מאָרגן איז עס...

אָבער דאָך איז יעדע פון די שנורן באַזונדער נישט געווען אין גאַנצן זיכער צי זי האָט גוט געטאָן. האָט זי געהייסן דער דינסט אָדער די נוירס „אָפּרינגען" ביי דער נאָענטסטער שוועגערין פריער, דערנאָך ביי דער צווייטער, דריטער; און אַזוי הין און צוריק.

האָט די „נאָרד" און די „נאָרד־וועסט", „נאָרד־וועסט עלעוון" און די „איסט" דעם גאַנצן טאָג, ערב דער לויה, געהאַלטן אין איין איבעררעדן זיך וועגן דעם. די אָרימע טעלעפאָניסטקעס האָבן מסתמא געמיינט, אַז ס׳זענען דאָ טויזנטער מיסיס גאָלדבלומס אין לאָנדאָן).

— האַלאָ, מערי!

— האַלאָ סאָפי!

— גווייני איז ספּיקינג...

— האַלאָ, ליובאַ...

— וואָט דו יו טהינק אָוו איט, פּערל?...

— סאָפי מיינט, אַז מען דאַרף די קינדער נישט מיטנעמען. ווייסט דאָך, מאָרגן.

— איך האָב אויך אַזוי געקלערט... געוויס פירט זיך נישט מען זאָל קליינע קינדער מיטנעמען.

— איי דאָנט נאָו... נאָר אַז דו זאָגסט...

אַזוי און ענלעך האָבן זיך די גאָלדבלומישע שנורן דורכגערעדט אויף די טעלעפאָנען, געקוקט בשעת מעשה אויף די שיין געשפּאַלירטע ווענט, אויף די רייכע פאַרהאַנגען, מיט טרויעריקע אויגן, וועלכע זענען שוין, דאַכט זיך, גרייט געווען געשוואָלן צו ווערן פונם מאָרגנדיקן וויינען. העפלעך, מיט שטי־

לערע שטימעס און אויף זייער בעסטן ענגליש, כדי זייערע „אנטי־סעמיטישע״ דינסטן און נוירסעס — זיי האָבן נישט איינמאָל צווישן זיך אָפּגעשטימט, אז „זיי זענען אלע אנטיסעמיטן און פארגינען נישט״ — זאָלן הערן און אַ ביסעלע מער כאָטש רעספּעקט האָבן פאר זייערע יידישע באלעבאָסטעס. און געענדיקט האָבן זיי די קורצע שמועסן אויף די טעלעפאָנען מיט אנשטענדיקע זיפצן און די טעלעפאָן־רערלעך האָבן טרויעריק און קורץ אָפּגעקלונגען, ווי מיט אַן „אמן״, ווען מען האָט זיי צוריק אויפגעהאנגען.

און פונדעסטוועגן האָבן זיי אויף מאָרגן, זונטאָג אין דער פרי, טרעפנדיק זיך אין דער איסט־ענד אָדער „אין דער היים״ — ווי זייערע מענער פלעגן נאָך פון צייט צו צייט זייערע טאטנס הויז אָנרופן — ווי געמוזט נאָכאַמאָל אַרומרעדן זייער באשלוס די קינדער נישט מיטצונעמען.

צי ס׳איז געווען דערפאר, ווייל „ס׳איז שוין״ און דער אלטער האָט שוין אין זיין צימער געוואַרט, אז אָט די שוואַרצע, פרעמדע חברה־לייט מיט די צילינדער היט, וועלכע האָבן זיך אזוי הארט, מעשה בעלי־בתים, מיט די עלנבויגנס געמאכט אַ וועג צווישן זיי, זאָלן אים צונעמען; צי ס׳איז אויך געווען דערפאר, ווייל די קינדער האָבן זיי אַצינד נאָך מער געפעלט... נאָר זיי האָבן געמוזט דערפון רעדן, ווי זיי וואָלטן אויך אַצינד, אין דער פייערלעכער מינוט, פון דאָס ניי נישט זיכער געווען, אַז זיי האָבן גוט געטאָן.

די „סמאַרטע״ שנורן ר׳ שלמה׳ס, וואָס יעדע פון זיי האָט מיט טרויעריקע, געשוואָלענע שוין אויגן, נישט אָן קאָקעטישקייט און קריטישקייט, באטראכט דער צווייטערס טרויער־קאָסטיום, האָבן, ווי פארענטפערנדיק זיך, ווידעראַמאָל גע׳טענה׳ט, אז „ס׳פירט זיך נישט, מען זאָל מיטנעמען קליינע קינדער צו לוויות; און „אז נאָכוואָס דארפן זיי גאר וויסן, אז ער...״

— מיין בעטי׳ן האָב איך געזאָגט, אז דער זיידע פאָרט היינט אוועק אויף אַ „האָלידעי״...

— און מיין „סאַני, בלעס הים״ — האָט זיך די דריטע פון די עלטסטע שנורן, וועלכע שטאָלצירט דערמיט, וואָס זי האָט שוין צוויי בויעס ווען די עלטסטע שנור האָט זיך אויסגעקראצט מיט איין באַי נאָך צוויי מיידלעך — און מיין „סאַני״, בלעס הים, האט מיך געפרעגט צי איך גיי שוין ווידער צום זיידן אין שפּיטאָל אַריין.

אָט די אלע רייד זייערע וועגן די קינדער זענען געווען אזוי פּאַטעטיש רירנדיק און די דערמאָנטע קינדישע ווערטלעך אזוי קלוג, אז יעדע פון זיי האָט זיך פון דאָס ניי אלע ווילע געמוזט אָפּקערן אָן אַ זייט און שנייצן די נאָז אין די קליינע מיט שפּיצן באַזוימטע טיכעלעך.

די עלטערע זין האָבן, אָנגעבלאָזענע און מיט רויטע אויגן, אומבאהאָלפן און פאריתומט געקוקט אויף זייערע ווייבער; זיך איינגעהאלטן פון צו מאכן זייערע געוועגלעכע וויצן אויפן חשבון פון זייערע „סיסטערס אין לאו״ (שוועגערינס) און צעטראָגענע, נישט וויסנדיק אַליין גענוי צי זייערע ווייבער האָבן גוט געטאָן, האָבן זיי אזוי דייטלעך, האָט זיך זיי אויסגעדאכט, געהערט זייער



טאטנס בייז קול, וואָס מיינט גוט. (זיי האָבן זיך נאָך נישט געהאט צוגעוווינט צום געדאנק, אז ער איז טויט, כאָטש זיי זענען אלע אין דער מינוט געשטאנען אין פאָדערהויז ביי דער טיר פון זיין צימער, וווהין די חברה־לייט האָבן שוין געהאט אַריינגענומען דעם ארון):

— נו, וואָס באלעמוטשעט איר דאָרט וועגן אזעלכע נארישקייטן! נאָך וואָס שלעפּט מען עס קינדער אזוי ווייט צו אַ בית־עולם! אזא לאנגער און געפערלעכער וועג! דאָרטן איז דאָך פול מיט „דראפטס״. טאָמער פארקילן זיי זיך, חלילה, און ווערן קראנק! איך, איך בין אייך מוחל דעם כבוד. לאָזן זיי זיין געזונט! און איר זייט מענטשן, האָט אין זינען אייערע ביזנעס...

זיי האָבן אזוי דייטלעך געהערט דעם טאטנס שטימע דאָס לעצטע מאָל, כאָטש די טונקעלע טרעפּ, דער קאָרידאָר און דאָס עס־צימער — אין דרויסן איז געווען אַ גרויער זונטאָג — זענען שוין געווען געפּאקט מיט אייגענע און פרעמדע אבלים, וועלכע האָבן זיך נישט געגריסט, נאָר עפּעס געמרוקעט שטיל און דעמפּיק:

— נו, ווען... שוין... וואָס זאָגט איר, מא?...

זיי זענען דאָך אזוי געוווינט געווען, אז „ער״ זאָל זיי אויסגלייכן ביי יעדער פארלעגנהייט.

ריטשארד, דער דריטער און פעטסטער פון ד׳י זין, וועלכער איז געווען טויבלעך אויף אַן אויער, סענטימענטאל און האָט ליב געהאט מיט זיין אייזערנער שטימע צו זינגען פארשיידענע שטיקלעך, איז העט שפּעטער נאָך דער לוויה און נאָך דער שבעה געווען גרייט צו שווערן, אז ער האָט דעמאָלט אינם פאָדערהויז געהערט דאָס לעצטע מאָל דעם טויטן רעדן:

— אָבער אזוי קלאָר, אזוי פלעין!

צוליב אָט דער זיכערקייט ריטשארדס און זיינע שבועות, אז ער האָט געהערט דעם פאָטער „אזוי פלעין און קלאָר רעדן״, זענען שוין אויך אלע אנדערע זין, טעכטער און שנורן דערנאָך געוואָרן זיכער ביי זיך, אז זיי האָבן אים אויך געהערט.

אפשר איז ביי ריטשארד׳ן — און צוליב אים ביי אלע אנדערע — געבליבן דער איינדרוק אזוי שטארק אויך דערפאר, ווייל אין דער מינוט, ווען זיי זענען געשטאנען אזוי פארדאגהט פריער אין פאָדערהויז און דערנאָך אין עס־צימער און איבערגעקלערט, צי זיי האָבן גוט געטאָן וואָס זיי האָבן נישט מיטגעבראכט די קינדער צי נישט, איז אָנגעלאָפן דער הויכער ר׳ שמחה, דעם טאטנס בעסטער פריינט, און מיט זיין הויכער, שרייענדיקער שטימע — האָט שוין אזא שטימע געהאט — זיך גענומען אויף זיי בייזערן:

— וואָצעמעטער, וואָס באלעמוטשעט איר דאָ, וואָס איז שוין ווידער דער מער? ס׳איז דאָך שוין אלץ פארטיק!

און אז עמיצער פון זיי — דאכט זיך, ס׳איז געווען די פלאָקי ליובאטשקע — האָט אים געוואגט צו זאָגן וועגן וואָס מען קלערט דאָ איבער, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און שיער נישט אויסגעשפּיגן.

— אַך, משוגעים, וואָס דאַרפט איר נייע „קאָלדס״ ?... ס׳איז דאָך דאָרטן פול מיט „דראפטס״. — פונקט ווי זייער פאָטער אַליין וואָלט עס געזאָגט.

ר׳ שלמה׳ס זין האָבן, כמעט אַלע, געהאַלטן שטאַרק פון ר׳ שמחהן דעם „שרייער״. אָט ווי מען מוז האַלטן, צי איר ווילט צי נישט, פון אַ גאָר אייגענעם מענטשן; פון אַ ברודער, צי פון אַ טאַטן אפילו. זיי האָבן אים, דעם אמתן פאַמיליען פריינט, אויך צווישן אַנדערע צונעמען אַ נאָמען געגעבן, „וויצע־פּרעזידענט״, ווייל ער פלעגט דעם „פּרעזידענט״, דאָס הייסט זייער פאָטער העלפן אויסגלייכן זייערע ביזנעס־סכסוכים.

אויסער דעם, האָט ער, ר׳ שמחה, געהאָלפן זיי אַלעמען אויפברענגען טאַקע פון קינדווייז אָן.

ער האָט געדענקט בעסער פון זיי און אַפילו פונם „פּרעזידענט״ אַליין וואָס פאַר אַ קראַנקהייטן זיי האָבן געהאַט צוריק מיט צען, צוואַנציק און אַפילו מיט דרייסיק יאָר צוריק נאָך אין פּוילן...

ווער ס׳האָט מיט אַכצן יאָר צוריק געמוזט האָבן אַן אָפּעראַציע; וועמען מען האָט מיט יאָרן צוריק שיער נישט איבערגעפאָרן; און פון וועמעס לעבן מען האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט. ווער פון די קינדער ס׳האָט זיך שיער נישט דערוואָרגן מיט אַ פיש־ביינדל אין אַ שבת, און וואָס פאַר אַ קינד ער האָט אַליין אויף די הענט געכאַפּט אויף גיך און אַוועקגעטראָגן צום לאָנדאָן־האָספּיטאַל.

וואָס ר׳ שמחה געדענקט אַלץ נישט! ווי אַן אמתער אַלטער פאַמיליען־קאַלענדאַר, געדענקט ער אַלע וויכטיקע דאַטעס און פּאַסירונגען אין דער גאָלדבלום־משפחה.

ער, מיט זיין קאָמאַנדירנדיקער שטימע, איז געווען אויך דער הויפּט־מאַכער אויף אַלע זייערע חתונות און אויף די בריתן פון זייערע קינדער. ער, ר׳ שמחה, און נישט קיין אַנדערער, האָט געוווּסט וועלכער לאָנדאָנער מוהל איז אַ פאַרטאַטש און וועלכער „רעווערענד״ קען קיין עברי נישט...

היינט, ר׳ שמחה׳ס אומגעהויערע „מלחמה־פאַרדינסטן״ פאַר דער איסט־ענד, בכלל און פאַר די גאָלדבלומס, בפרט: נאָר גאָרנישט, מענטשן האָבן קעצענע מוחות, אַז זיי קענען פאַרגעסן אַזאַ וועלט־מלחמה און די שרעקלעכע לופט־אָנפאַלן און די צעפּעלינס... און אַפילו די גאָלדבלומס אַליין האָבן אויך שוין באַלד פאַרגעסן וואָס ער האָט דעמאָלט צעאַרבעט און פאַר זיי אויפגעטאָן. אָבער ר׳ שמחה איז אין יענע שרעקלעכע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען ווי אַן אמתער גענעראַל. ער האָט מער, ווי ווער ס׳איז אַנדערש, געוווּסט פון אַלע לאָנדאָנער בעטאָנענע הייזער, וווּ מען קען זיך באַהאַלטן בשעת אַ לופט אָנפאַל. אַלע „טיוב־סטיישאָנס״ האָט ער געקענט און געוווּסט וועלכע ס׳איז די טיפסטע און די זיכערסטע. און נישט נאָר דאָס, קיינער האָט, דאַכט זיך, נישט געוווּסט אַזוי גענוי, ווי ר׳ שמחה, ווען „זיי קענען קומען״, ווען „זיי וועלן זיכער קומען״ און ווען מען קען גיין רויִק שלאָפן, ווייל „די דייטשן קענען די נאַכט נישט קומען״.



גערווענלעך, האָט ער אַ סך מאָל טעותן געמאַכט, אָבער דאָך זענען זיינע חשבונות אמייסטן געווען ריכטיקע. אַ גאַנצער שטערן־זעער און מעטעאָראָלאָג איז ער געוואָרן צוליב די לופט־אָנפאַלן: ער האָט געוווּסט ווי געפערלעך די לבנה־נעכט זענען, און ער פלעגט זיך פרייען מיט די געדיכטע „פאָגעס״. באַזונדערס מיט די אין די אויבערשטע שיכטן פון דער לופט; וואָס פאַר אַ ווינטן און רעגנס עס זענען גוט פאַר זיי און וואָס פאַר אַ — נישט. און שוין באַלד אין דער פרי, אַ נישט־אויסגעשלאָפענער פון דער לעצטער שרעקלעכער נאַכט, פלעגט ער אין דער פרימאָרגן־לופט ווי דערקענען צי מען קען זיך אויף זיי די נאַכט ריכטן, און ער פלעגט געבן זיין ערשטע וואָרנונג פריער די גאָלדבלומס און דערנאָך אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע אין דער איסט־ענד.

— עפּעס, מיר געפעלט נישט היינט דער הימל... פאָלגט מיך און זייט גרייט אַרום זעקס אין אָוונט. איר וועט שוין מנחה היינט ביי מיר דאַוונען, אונטן אין דר׳ערד.

אַנישט, פלעגט ער מאַכן:

— אַ טייער וועטער, מחיה נפשות. ס׳כליאַפּעט און ס׳איז ווינטיק, און ס׳איז נאָך פאָגעדיק. גאָלד און זילבער! איר קענט, ר׳ שלמה, שוין אַרונטערקריכן אונטער דעם איבערבעט. איך? נו, מע, איך׳ל שוין מאַכן אַן אָקע גדולה ביי אייך אין „ברעקפעסט־רום״. איך גלויב זיי נישט, די דייטשן, די מזיקים, זיי זענען מיר לעצטנס צו ריזיקאַליש... אפּנים, אַז זיי ווילן וואָס גיכער „פּינישן״. איך בלעים זיי נישט... נאָר שלאָפן — איך נישט.

און ער פלעגט טאַקע אַזוי טאָן אין די „גאָלדענע״ ווינטיקע און פאָגעדיקע נעכט. זיין הויפּט־קוואַרטיר איז דאַן געווען ביי גאָלדבולמען אין הויז, ווו ער פלעגט שפּילן אין קאָרטן, כדי די צייט צו פאַרטרייבן ביז כמעט פאַרטאָג; און דער אַלטער און זיינע יונגערע קינדער פלעגן דערביי געשמאַק שלאָפן אונטער זייערע איבערבעטן, ווויסנדיק, אַז דער „גענעראַל״ וואַכט איבער זיי. ווי אַן אמתער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט ער, בשעת אַ לופט־אָנפאַל, געהאַט זיין הויפּט־קוואַרטיר ערגעץ אין אַ ווייטער „טיוב״ — סוויס קאָטעדזש אָדער קווינס רויד — ווייט פון זיינע אַרמייען.

פון דאָרטן האָט ער זיינע מחנות „געוואַטשט״ און „רעגולירט״. דורך די פענסטער פון די דורכלויפנדיקע באַנען — אונטער דר׳ערד זענען זיי געלאָפן ליכטיקע, אַ מחיה. האָט ער דערזען באַקאַנטע פאַמיליעס, איינצלנע פנימער, דערשראָקענע און גליקלעכע, וואָס זיי זענען אין זיכערקייט, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין באַן און אויספרעגן זיי וואָס זיי ווייסן, „צי זיי זענען שוין דאָ״, „וואָס זיי קלאַפּן אַצינד״ און דערביי פלעגט ער זיי רעגולירן מיט זיין גענעראַלסקער שטימע:

— וואָס לויפט איר אַלע צו דער באַנק? וואָס זיצט איר אַלע אין ליווערפּול סטריט סטיישאָן? זעט, דאָ ווו איך בין איז דאָך גרוים, אַ מחיה!

נאָר מען פלעגט אים נישט פאָלגן. יידן האָבן ליב צו זיין אין איינעם,

באזונדערס אין אַן עת־צרה. אַפילו זיין ווייב פלעגט פון אים און זיינע „גוי׳שע טיובס״, ווו מען זעט קיין לעבעדיקן נפש נישט״. אנטלויפן צו דער באנק סטאנציע, ווו ס׳איז געווען אָנגעפראפט און פריילעך, קיין עין־הרע נישט, און ווו ר׳ שלמה מיט די קינדער פלעגן זיך געפינען, ווייל ס׳איז געווען אַזוי נאָענט אַהיים צו גיין באלד נאָכן „אָלל קליר״...

נאָר וועגן ר׳ שמחה׳ס מלחמה־פארדינסטן און העלדישקייטן וואָלט מען געקענט, און אפשר געדארפט, אַ גאנץ בוך אָנשרייבן. — ווער האָט געראַטן אַ סך ווייטשעפּעלער יידן זיך איבערצוציען קיין נאָטינג־היל, ווייל אַהין וועלן די דייטשן נישט קענען קומען? — ר׳ שמחה! און ווער האָט זיי, ווען ס׳איז געוואָרן געפערלעכער און די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט, פון נאָטינג־היל געהייסן ציען זיך קיין בארנס און גאָלדערס גרין? — ר׳ שמחה. און ווער האָט אַזוי גוט געוווּסט ווו ס׳איז זיכערער, ברייטאָן צי רעדינג? און וועמעס עצה אין די ענינים איז געווען די גילטיקסטע און אנטשיידנסטע — ר׳ שמחה׳ס, פארשטייט זיך.

אַליין אָבער האָט ער, ווי אַן אמתער, ווייטזיכטיקער סטראַטעגיקער נישט איבריק געהאלטן נישט פון ברייטאָן און נישט פון רעדינג. און פשוט דערפאר, ווייל דאָרטן זענען קיין טיובס נישט פאראַן... און ער איז דערפאר טאקע געבליבן און אויסגעהאלטן די וועלט־מלחמה אין לאָנדאָן גופא.

* * *

אויך ר׳ שלמה גאָלדבלומס שנורן האָבן שטאַרק געהאלטן פונם הויכן מיסטער שמחה, און טאקע צוליב סענטימענטאלע, ראָמאַנטישע טעמים, קען מען זאָגן. ערשטנס, איז ער געווען הויך און שלאנק פאר זיינע יאָרן און נישט אַזוי קליין־געוויקסיק און קיילעכדיק ווי זייערע מענער, די יונגע גאָלדבלומס. אויך זיינע דיקע, שוואַרצע וואָנצעס האָבן זיך געהאלטן יונג, ווי ער אַליין. מיט איין וואָרט, ער איז אין זייערע אויגן געווען אַ „שיין געבויטער מאַן״.

אָבער נאָך מער האָבן זיי פון אים געהאלטן צוליב אַ האלב־באוווּסטער דאנקבארקייט צו אים: דערפאר, וואָס זיי זענען אים געפעלן געוואָרן, ווען זיי זענען נאָך געווען כלות און ערשט „אויסגעגאנגען״ מיט די יונגע גאָלדבלומס — זייערע איצטיקע מענער. אַזוי דיפלאָמאטיש, אגב אורחא, פלעגט דער „פּרעזידענט״ פארבעטן דעם „וויצע פרעזידענט״, אז ער זאָל אַזוי ווי צופעליק אַריינקומען און „אַ קוק טון״ ווען דאָס מיידל וועט זיין...

און אויף שמחה׳ן, וועלכער האָט געקענט כמעט גאנץ איסט־ענד, האָט מען זיך געקענט פארלאָזן, אז ער זאָל אויסגעפינען ווער און וואָס דעם מיידלס משפחה איז און צי דאָס מיידל וועט זיין אַ גוט ווייב...

האָבן זיי, די שנורן, אויך דערפאר „געגליכן״ שמחה׳ן. זיי זענען שטענדיק צופרידן געווען מיט אים זיך צו טרעפן; זיי פלעגן אים כמעט אויף אלע זייערע „פּאַרטיס״ איינלאַדן אין זייערע „סמאַרטע״ הייזער.

ס׳איז דאָך אנגענעם צו טרעפן אַ מאַן, וואָס דו ביזט אים געפעלן געוואָרן ווען דו ביסט נאָך אַ מיידל געווען.



— איזנט הי עי נייס מען? — פלעגן זיי אָפט אין ענגליש גוטמוטיק מוטלען וועגן אים. (פרויען געדענקען קאָמפּלימענטן פון וועמען זיי זאָלן נישט קומען).

און אפילו די יונגסטע שנורן, די „סמאַרטסטע״, די „פעשאָנעלבלסטע״, פלעגן מוזן צוגעבן, אז ער איז „נייס״. נאָך אלעמען, שטייט עס זיי, די גאָר יונגע, נישט אָן צו זיין אַזוי צופרידן דערפון, וואָס זיי זענען אים, אַ „יידישע מען״, אַזוי געפעלן געווען...

זיי האָבן זיך אָפטמאָל נאָר געוווּנדערט וואָס ער, אַזאַ הויכער, שיינער מאַן מיט אַזאַ שטאַרקער מענלעכער שטימע — ער האָט אין דער יוגנט זייער שיין געמוזט זיין — האָט קיין קינדער נישט.

— ס׳מוז זיין זיין ווייב׳ס שולד — האָבן זיי צווישן זיך אַ סך מאָל דיפלאָמאטיש־ווייבעריש באשלאָסן. וואָס איז דער מער מיט איר? שטענדיק קרענקט זי, שטענדיק זויער און בורטשעט...

אויך דאָס, וואָס דווקא ער, דער הויכער און שיינער מיסטער שמחה — אַפילו קיין ענגלישן פאסנדן נאָמען האָט ער זיך נישט געקענט און נישט געלאָזט צוקלויבן — האָט זיך נישט אַרויפגעאַרבעט און איז נישט רייך געוואָרן אין לאָנדאָן, כאָטש ער איז אזוי קלוג, ענערגיש און ס׳וואָלט אים מיט זיין פיגור געפאסט צו זיין „אַ סיטימען״ — האָבן זיי נישט געקענט פארשטיין.

נאָר דאָס, וואָס ער איז נישט רייך געוואָרן אַפילו אין די מלחמה־יאָרן, בינדט זיך ביי זיי עפּעס מאָדנע מיט זיין נישט קיין קינדער האָבן. גלייך ווי ס׳וואָלט עפּעס אַ שייכות געהאט. און אין איין וועגס וואקסן ווי אויס אין זייערע אויגן זייערע אייגענע מענער, וואָס כאָטש זיי האָבן נישט אזעלכע פיגורן, זענען זיי אָבער קלוגע, דערפאָלגרייכע ביזנעסלייט.

— טס׳אַפּיטי (אַ רחמנות) יו נאָ... — פלעגן זיי אלע באשליסן, דערענדיקנדיק דעם מוטל וועגן שמחה׳ן, וועלכן זיי האָבן דווקא אזוי געגליכן. און ד׳ פערטע שנור, ליובאטשקא, וועלכע האָט ליב געהאט מער פון אלעמען „גאָסיפּן״ און איבערשיטן אירע רייד מיט אַ קוויטשיק אָפּגעהאקט געלעכטערל, האָט שטענדיק געהאט דאָס לעצטע וואָרט.

— איטס פּאַני, יו נאָ; איי דאָנט נאָ...

(המשך קומט)

שוין דערשינען

„דאס בוך פון לעסטערונגען״

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלארן. פּרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגןביים „נאַראָד פּרעס״, און אין בוכהאנדלונגען.

## א. נ. שטענצל

### דער סאַלוט-שאָס
(צייט-ליד)

19־טער אַפּריל 1950 אין ישראל

צווישן אַלע לענדער ישראל אויף דער מאַפּע שוין,
און סאָלדאַטן מאַרשירן צום יזכור-סאַלוט;
יאָ, אויב גאָט האָט אויף אונזער וועלטל געזאָגט „כי טוב"
איז דאָך אונזער קליין לענדעלע גוט-שבגוט.

מלוכה-לייט אין ציוויל, דעלעגאַטן אין שוואַרץ,
איינהייטן, אויפמאַרשן, טשעסט, פּענער און מוזיק;
איבער טויט-שטילשווייגן פון טויזנטער קעפּ,
הילכן מיקראָפאָנען מיט רייד און פּאָליטיק.

קיין האַרץ-רייסנדיק געשלאָכץ נישט, קיין טרערן געטראָפּ,
אין די אויערן פון די פּענער נאָר דאָס געפּאָך!
יאָ, אַ לאַנד ווי אַלע לענדער, ככל הגויים,
טאָ וואָס אַ סך ברייען נאָך מיטן „מום שבך"...

טויט-שטיל, שטיוול-געטרעט איבער געבויגענע קעפּ,
מיט קוילן פּילן זיך די ביקסן, אַ באַפעל — — —
איך האַלט אין דאָס קלאַפּן פון האַרץ, די שלייפן ציילן:
איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, און ס׳פאַרשנירט זיך מיין קעל —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינהייטן, אָפּמאַרשן, פּענער-פּלאַטער, מוזיק,
אַן אויפגעפירטער פּאַראַד מיטן גאַנצן קנאַק!
כאָטש שאַמפּאַניער מיט מלוכה-לייט גיין אויסטרינקען,
אָדער אַ כוסה גראָק אין אַ טונקלען קאַבאַק.

יאָ, אויב גאָט האָט אויף אונזער וועלטל געזאָגט „כי טוב",
איז דאָך אונזער קליין לענדעלע גוט-שבגוט!
נאָך רוישט מיר אין די אויערן דער ככל הגויים,
פאַר די קדושים דער צעשאָסענער סאַלוט.



### דאס ליד פון די שטיינהאַקער אין ישראל
(צום זיבעטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)

אַז זיבן טאָג זיצט מען שבעה נאָך אַ טויטן,
איז זיבן יאָר נאָך פאָלק, נאָך אויסגעקוילעטן;
אַ סך־הכל זיבעציק יאָר לעבט מען נאָר בלויז,
מוזן דאָך גענוג יאָרן איבערבלייבן נאָך,
אַ „פּה נטמן" כאָטש צו קריצן אין בולטן.

אַז אַ מצבה נאָך יעדן געשטאָרבענעם,
מוז מען דאָך נאָך קדושים אוודאי שטעלן!
איז ווו שטיינער אַזויפיל פאַר זעקס מיליאָנען?
ס׳וועלן די ציון־בערג מיט גערטנער אויפבליען,
אויב די מצבות אויסהאַקן דאָ מיר וועלן.

איז וואָס שנעלער אַצינד, וואָס פלינקער, וואָס גיכער,
און שפּיציקער דער דלאָט און שווערער דער האַמער,
ד׳ אַלע „פּה נטמנס" אויסקריצן צו קענען — —
אַז אַזויפיל געקוילעטע, פאַרטיליקטע,
און אַזוי ווייניק געבליבן פון גאַז־קאַמער.

און צי שטעלט מען דען בלויז אַ שטיין נאָך אַ קדוש —
אַן אוהל אויף זיין קבר שטעלט מען דאָך אויפעט!
איז וואָס שנעלער אַצינד, וואָס פלינקער, וואָס גיכער,
זעקס מיליאָן „ציונס" אויף דער ערד דאָ אויפשטעלן!
און דו, אין הימל, ווען ווערסט דו זיין דער שופט?

### אויפן הר-ציון ת.ש.י.
(אין יאָרצייט טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)

וו׳ חיות אין וואַלד די העלדזער אונז געשניטן,
און נאָך דער שחיטה מיט ערד דאָס בלוט פאַרשיטן,
„ארץ אל תכסי דמם — — "

דערפאַר שטייט „ארץ", נישט אדמה געשריבן:
צומאָל ס׳גאַנצע פאָלק אין לאַנד צוריקפאַרקליבן —
„ארץ אל תכסי דמם!"

מיט מיין יעדן שריט אויף דער ערד דאָ געטרעטן,
האָבן מיינע ליפּן שעפּטשענדיק געבעטן:
„ארץ אל תכסי דמם“ — — —

צוגעפאלן צו איר מיט פרייד און מיט טרערן,
די רייד פון מיינע ליפּן נאָנט ז׳זאָל דערהערן:
„ארץ אל תכסי דמם“ —

אין ווען צום הימל די אויגן אויפגעהויבן,
אַ בליק ווי מאָנענדיק קלאָר, ווי בלוי פול גלויבן.
„ארץ אל תכסי דמם“.

## נאָך האָב איך אויף פּנים די זון פון ישראל

פאר יהודית

1

צוזאַם מיט די שוואַלבן כ׳בין אָנגעקומען,
וועל איך צוזאַם מיט זיי צוריק אַהינפליען?
נאָך האָב איך אויף פּנים די זון פון ישראל,
אויף מיין שריט די זוימען פון די בערג פון ציון.

אָבער אַ זון, אַ גליאיקע, צעשטראַלטע,
ווי לאנג קאָן מען זי האלטן אין פּנים־פאַלטן?
און קנעכלעך, בלאָנקענדיקע, וואַקלדיקע,
בערג־זוימען דערטראָגן וועלן זיי אויסהאלטן?

אין צעוויגט גלייך אויף אַ צווייג כ׳וואָלט געזעסן, —
די גאנצע וועלט קאַפּויער ווי אין טייך־שפּיגל! —
מיין אויסגעהוילטער קאָפּ פול און צעזונגען
און מיינע קנעכל ווי באפליגלט מיט פליגל.

2

— — — — — — — — —
אין דיינע שלאנקע צוויי זאַפּטיקע אָרעמס, —
אין פוכיקן צוויט אויפגעגאנגענע צווייגן, —
אַ נעסט כ׳וועל מיין קאָפּ אין זיי אַריינהענגען,
פול פּישטשעדיקן, שטיל־טוליעדיקן שווייגן.



ווי ר׳וועט זיך דאָס פלאטערדיק וויגן מיין קאָפּ,
ווי פון לינדן פרילינג ווינטל פריש־באוויגן;
און וואַרעם אזוי אדורכגענומען זיין
פון געשטראל וואָס גיסט זיך פון דיינע אויגן.

שטייסט דו נישט צוקאָפּנס, פּוכיק צעקנאָספּעט?
דיינע שלאנקע פינגער כ׳פיל דאָך אויף מיין שטערן!
אזוי זוניק, אזוי זאנפט, אזוי זאפטיק —
די פּישטשעדיקע די מאַמע טוט דערנערן.

3

פון די אויסגעפאלענע האָר פון מיין קאָפּ,
פאר וויפיל פּיצעלעך געבויט כ׳האָב שוין נעסטלעך,
אַ פעסטס מיט דיינע פינגער וועסט אויסקנעטן,
מיט מיינע האָר־פאַטלעס געבליבענע רעשטלעך.

און ווען פריש־פּוכיקע, יונג־באַפליגלטע,
ווייט אַוועק זינגענדיק וועלן צעפליען,
אין דיינע אָרעמס מיין באַפליגלטער קאָפּ,
זיך וויגנדיק, דיין דופּט אָטעמדיק איינציען.

נישט די רעגנס זיינען׳ס און נישט די ווינטן,
וואָס פון אלצדינג וואָס בליט ווערט פוילונג און וויאַנען,
עס איז די סמוטנעקייט, די גרויע שטילקייט,
ווען אַוועק ווייט דער לעצטער שוואַלב פליט פון דאַנען.

4

נאָך האָב איך אויף פּנים די זון פון ישראל,
באהאלט זי דאָך אין שפּיצן פון דיינע פינגער,
גלעטנדיק מיין שטערן, אים דערוואַרעמען —
ווי שוידערדיק צו זיין לעצטער גלות־זינגער!

נאָך האָב איך אויף פּנים די זון פון ישראל,
באהאלט זי דאָך פארשוויגן אויף דיינע ליפּן,
מיינע סמוטנע אויגן מיט זיי צו שטילן,
ווען מיט בענקשאפט מיין הארץ וועט זיך צעכליפּן.

נאָך האָב איך אויף מיין פנים די זון פון ישראל,
נאָר יעדער קנייטש אזוי הארט שוין און צעליטן,
אַ פולס אזא מיט געזאַנגען און מיט געוויין —
אַ נעסט אין רעגן עס וועט זיך נאָך צעשיטן!

5

„אויפן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן".

ביי די טייכן פון בבל, אויף די ווערבעס,
אונזערע פידלען מיר האָבן אויפגעהאנגען;
אויף צווייגן געפלעכט, פוכיק־צעקנאָספּעט,
אין דיינע אָרעמס מיין קאָפּ פול מיט געזאַנגען.

אַז שוואַלבן זאָלן פליען אַהין אַהער,
מוזן דאָך נעסטן הענגען צווישן די צווייגן,
די שוועלבלעך אויסצובריען און צו קאָרמען,
און פרישע אייערלעך האָבן ווו צו לייגן.

אָ, און ווען פון צעשאָטענער נעסט אַרויס,
לעצטע שוואַלבן־חתונה אַרויספליען,
וועסט דו זיין פאר שוועלבעלע, פאַר שוואַכינקן,
אויפן וועג יענער בוים, וואָס שטייט איינגעבויגן.

„אין חדר אריין" 5/-
„אין זכות פון די טעג" 3/6
„די גאולה שעה" (אַ וויזיע) 5/-
„זינגנדיקע רעיונות" (לידער און פּאָעמעס) 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי



א. שולמאן

## אין חדר אריין...

(משה עובד „אין חדר אַריין", לידער. דערשינען אין לאָנדאָן.
פארלאג נישט אָנגעגעבן)

דער מחבר אליין רופט די לידער זיינע נישט אנדערש ווי „לידעלעך" און ווען ער האלט פאר נויטיק צו דאנקען די אלע, וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפן ארויסצוגעבן דאָס בוך, ווינטשט ער זיי אַ געזונט אין זייערע „ביינדעלעך". פון דעם אלעמען קאָנען מיר אַ שפּאָר ביסל אַרויסדרינגען וועגן כאראקטער פונם שרייבער און ווען מיר באטראכטן דעם דאָזיקן שטריך זיינעם צוזאַמען מיטן בילד זיינעם, וואָס געפינט זיך אינם בוך— קאָנען מיר זייער לייכט — ווייל דערצו דארף מען נישט זיין קיין טיפערער מענטשן־קענער אָדער „געסקינטשעטער" פסיכאָלאָג — אַרויסצודרינגען, אז דער דאָזיקער ייד מיט די צוויי קינסטלערישע טשופרינע־פליגלע אויף ביידע זייטן קאָפּ, מיט די צוויי קינדעריש־גוטמוטיקע אויגן, מיטן קינסטלעריש־געשניצטן אויער און יידיש־אַקטיאָרישע וואָנסעס, איז קודם כל א מענטש מיט אַ סך פאנטאזיע און דערפינדערישקייט, מיט אַן אידעלן און סובטעלן צוגאנג צו דער וועלט אונזערער מיט אירע קאָמפּליצירטע ענינים און דער עיקר — מיט אַ סך ליבע קודם כל צו די אמתדיקע יידישע קינדער און דאן צו אלע אנדערע יידן, וועלכע ער באטראכט אויך נישט אנדערש ווי פאר דערוואקסענע און באבערדלטע קינדער.

און היות אלץ, האָט אזא פערזאָן, וועלכן מיר האָבן דאָ נאָר וואָס געשילדערט, קאָן דורך אזעלכע תמימותדיקע אויגן זען, קאָן נישט זיין עפּעס אנדערש ווי די אָפּשפּיגלונג פון דער דאָזיקער גוטמוטיקייט, פון דער לייכטער, נישט אָפּ־חוזק׳נדיקער, נאָר היימישער און ווארימער לצנות׳דיקייט — איז דעריבער נאטירלעך, וואָס אלע לידער זיינע אין דאָזיקן באנד זענען טאַקע אדורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע קוואליטעטן.

דאָס בוך לידער הייסט: „אין חדר אַריין", ס׳איז איינגעטיילט אין פיר זמנים, די אילוסטראציעס זענען געצייכנט פונם מחבר׳ס מיידעלע און זיי שטעלן פאָר צייכנונגען פון חדר און די טעמאטיק פון די לידער איז די טעמאטיק פון חדר טאקע, גענומען פון אלף־בית, פון חומש, פון די אלע למודים וואָס ווערן געלערנט מיט אַ יידיש קינד אין זיינע ערשטע חדר־יאָרן.

אָבער דאָך איז דאָס בוך ווייט נישט קיין אויסגעשפּראָכן בוך פאר קינדער, כאָטש אַ סך פון די לידער, איבערהויפּט אין דער ערשטער טייל, וואָלטן זיך גלענצנד אריינגעפּאסט אין אַ כרעסטאָמאַטיע פאר יידישע שול־קינדער— ווייל זיי באזיצן די גאנצע שפּילעוודיקייט, די גאנצע לייכטקייט און פיינע פּעדאגאָגישע פּועַנטע פון גוטע קינדער דיכטונג. אָבער דעם מחבר׳ס כוונה איז געווען אַ דאָפּלטע — אי צו שאפן טאקע אַ באנד פון קינדער לידער (אַ

דיכטערישער זשאנר, וועלכן מיר האָבן נישט צופיל אין אונזערער מאָגערער יידישער שול-ליטעראטור) אי גלייכצייטיק — אינם אינהאלט פון די דאָזיקע לידער, אדורכצוועבן אָדער אַדורכצושמוגלען דעם שטילן, לייכט שפּילעוודיקן און טרויעריק יידישן פילאָזאָפישן אַריינבליק אין ענינים פון יידישן לעבן.

אַממייניסטן געלונגען זענען די לידער פון ערשטן זמן, די לידער פון יידישן אלף־בית. די דאָזיקע לידער זענען קאָנדענסירט אין פאָרם און זענען פול מיט שפּראכלעכע אויפטועז, אינהאלטלעכער דערפינדערישקייט און אַ שפע מיט שפּילעוודיקן הומאָר. נעמט למשל „די יידעלעך פון אלף־בית“, וואָס איז אינגאנצן (אזוי ווי נאָך פיל אנדערע „לידעלעך“ פון דער זאמלונג) אדורכגעזאפּט מיטן קאָלאָריט פון יידישן פאָלקלאָר און וואָס האָט אלע מעלות און חנ׳ען פון אַ יידיש פאָלקסליד. טייל לידער בעטן זיך פשוט, מען זאָל צו זיי צופּאַסן מוזיק און מאכן פון זיי געזאנגען („פרעגט ישראליקל“, „דער וויי־געשריי פון די וואָכעדיקע טעג“, אָדער דאָס, פיינע, שפּילעוודיקע און פול מיט הומאָר אַדורכגעדרונגענע ליד „חכמת החשבון“) די לײדנשאַפט (אָדער אייגנטלעכער די פאסיע) וואָס משה עובד האָט פארן אלף־בית, די ליבע זיינע צו די יידישע צייכנס, האָט אים אזוי באהערשט, אז מיט אַ גרויסער לייכטקייט און מיט אַ שלל דערפינדערישקייט שווימט ער צווישן די אותיות, קען אויסגעצייכנט זייערע פיזישע און מעטאפיזישע שוואכקייטן פון יעדן אות באַזונדער און דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צו דערציילן אונז אין אַ פיינער שפּילעוודיקער פאָרם זיינע פיין פארטראכטע און בליציק־אויפטועריש מעשה׳לעך. ס׳איז פשוט צו באוואונדערן, ווי אזוי מען קען אין די 22 סימנים פון יידישן אלף־בית, וואָס זענען דאָך אויבנאויפיק אזוי ענלעך צו זיך (פרעגט אַ גוי, וועט ער אייך זאָגן, אַז די יידישע שריפט איז לגמרי אונמעגלעך צו ליי־נען, ווייל אלע אותיות זענען דאָך כמעט די זעלבע!) ווי אזוי מען קאָן אין די דאָזיקע „פארקרומטע נעגל און שטיפטן“ באמערקן און אָבסערווירן אזוי פיל לעבעדיקע און פסיכאָלאָגישע אייגנשאפטן. (צי איז אייך אַמאָל איינגעפאַלן, אַז אַ ז — איז אַ... ציטערדיק יידל פול מיט אויעז, אַז אַ ת — הינקט מיט אַ באנדאזשירט פיסל, אַז אַ מ — איז אַ ייד, וואָסאָ טראָגט כורעים׳דיק דעם עול פון שם, אז די ש — איז אַ דריירעריקע קרוין און דער ל — אַ קעמל פארלוירן אין מדבר...) ערשט ווען איך האָב געהאט די געלעגנהייט צו זען די רעפּראָדוקציעס פון משה עובד׳ס קינסטלערישע מיניאטור סקולפּטאָרן איז מיר פארשטענדלעך געוואָרן דער שורש פון זיין שארף־פארשפּיצטער פייאיקייט צו דערזען דאָס לעבעדיק־באַוועגלעכע אין כלומרשט פארגליווערטע ווייס־שוואַרצע ליניען.

און נאטירלעך האָבן אויך די מעשהלעך אַ מאָראַל — און דערין ליגט טאקע איינע פון זייערע פּעדאגאָגישע מעלות. דאָס לידער בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1945, ווען דאָס פארבלוטיקטע בילד פון חרובן יידישן אייראָפּע איז אזוי אימעדיק און טראגיש אנטפּלעקט געוואָרן פאר אונזערע



דערשיטערטע אויגן. פיל פון די לידער זענען אדורכגעדרונגען מיטן צער פון די דאָזיקע טעג. אין „קרוין פון טרערן“, וואָס וואָלט דאָ געדארפט ציטירט ווערן פון אָנהויב ביז צום סוף, ווייל דאָס וואָלט געגעבן דאָס ריכטיקע בילד פון מחבר׳ס שפּראכלעכע און דיכטערישע אויפטועז, שפּיגלט זיך אויך אָפּ דאָס געמיט צושטאנד פון מחבר.

פאראן אויך פיל בטחון אין די לידער און פיל טרייסט־ווערטער. זיינס אַ צווייט ליד „יידישע האנטשריפטן“ הויבט זיך אָן מיט דער שיינער סטאָפע:

זייט וויסן, קינדערלעך,
אז אין אונזער אלף־בית הויז
גייען די געשריבענע אותיות ממש אויס.
זיי ליגן אויסגעלייגט אויפן בלאסן, בלייכן בעטגעוואנט
און נישטאָ קיין קראנקען שוועסטער מיט אַ מוטער־האנט.
דאָס וועט אָבער אייביק נישט אַזוי בלייבן.
יעדעס אות וועט ווערן טראָגעדיק
מיט ווייץ, גערשט און קאָרן;
עס וועט נאָך ווערן שלאָגעדיק,
ווי פון בופל־אָקס דער אויפגערייצטער האָרן...

און מיט דער פארשארפטער פייאיקייט וואָס משה עובד באזיצט צו באזאָרגן מיט נשמות די קליינטשיקע געשטאלטן פונם אלף־בית, שילדערט ער אונדז, ווי די „איינגעקורטשעטע קראנקע אותיות“ וועלן צוריק אויפלעבן:

ווי שפּיזן, קינזשאלן און שווערדן
וועלן נאָך די י׳ען, ה׳ען און ו׳ען
אָפּשינדן פון קערנדל פון אמת זיין שקר הויט...

און ווייטער:

די שלאָסע צ׳ס, פ׳ען און כ׳ען
וועלן נאָך ווי לאסאָ־שטריק, שקאפּעס,
פאנגען גאָט׳ס־קינדער — גנבים;
און מיט ס׳ען בינדן זייערע לאפּעס...

דאָס אלץ וועט געשען, כדי „עמך י׳לע זאָל זיך קאָנען צעבליען ווי אַ שטאָלצע שימערירנדיקע ש און אַ פ פון איר פירה געניסן...“

איך מיין, אז כדי אונטערצושטרייכן די דאָזיקע כאראקטעריסטישע אייגנשאַפט און געשיקטקייט פון משה עובד׳ן ארויסצוכשופן לעבעדיקע באוועגונגען פון די אין פלוג־גענומען אומבאוועגלעכע אותיות, וועט זיין אינטערעסאנט צו דערציילן, אז אַ טאלאנטירטע יידישע טענצערין, וואָס האָט געלייענט משה עובד׳ס לידער, האָט אין איר כסדרדיקן זוכן נאָך נייע פאָרמען און באוועגונגען (נאָר אַ פּראָפעסיאָנעלער ארטיסט קאָן וויסן דעם אייפער פון דאָ־

זיקן זוכן), האָט אין דעם ליד „דער אלף־בית טאַנצט" אנטפּלעקט נישט בלויז אַן אָנרעגונג, נאָר אַ קוואַל פון נייע און אָריגינעלע באַוועגונגען. און ווירקליך: דאָס דאָזיקע ליד איז דאָך טאַקע ווי אַ פּאַכמעניש, כאָרעאָגראַפישע איינשטודירונג פון אַן אָריגינעלן, פאָלקסטימלעך־יידישן טאַנץ!

פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע לידער אין דער זאַמלונג אויף וועלכע ס'וואָלט זיך געלוינט ספּעציעל אָפּצושטעלן. אַלע לידער פון די פיר זמנים — כאָטש טיילמאָל פאַרשידנאַרטיק אין דער טעמאַטיק — באַזיצן דאָס געמיינזאַמע, וואָס פאַרבינדט זיי — דאָס שאַרפבליציקע און אויפטועריש הן אין שפּראַכלעכן און הן אין דיכטערישן אינהאַלט. די אייגנאַרטיקייט פון די סוזשעטן און דער פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון דער פאָרם און שפּראַך שטעלן זיי אַוועק אויף אַ גאַנץ באַזונדער אָרט אין אונזער לידער וועלט.

---

## דר. א. ר. סען

### דער פלאם

(לעגענדאַריש)

קום, מיין קינד, מיין שיין געשטאַלט,
כ'וויל נאָך איינמאָל דיך אָנקוקן.
ס'גייט אַוועק דער זומער באַלד,
און דער ווינטער וועט דערשטיקן
יעדעס קולכל וואָס ווו שאַלט,
יעדעס בלעטעלע אָפּפליקן.
איך בין אויך שוין גרוי און אַלט,
ס'פעלט שוין שיין פאַר מיינע בליקן,
ס'לייגט זיך שוין אַ האַנט אייז־קאַלט
מיט אַ הויקער אויף מיין רוקן.

קום, קינד, ווידער פאַר מיר
זאָל דיין יוגנט שיינקייט בליען.
ניט קיין טרייסט וויל איך פון דיר,
ניט קיין הילף צו מיינע ווייען.
איך וויל נאָר מיין לעבנס שכור,
וואָס געוועבט האָט זיך אין רייען
פון מינוטן, — לאַנג אָן שיעור, —
און פון יאָרן, — וואָס פאַרפליען,
מיט דעם רייכן יוגענד ציער, —
נאָך אַמאָל פאַר מיר אויפציען.



יעדן בלום אויף יענעם שנור
נאָך איינמאָל פון אים געניסן,
יעדן שמייכל, יעדע טרער
איבער שמייכלען, איבער גיסן.
אי'ן דעם פלאַם וואָס שמאַכט אין מיר
ווידער וועקן, לאָזן בריען.
דען, מיט יוגענד אין באַריר
וו'עט דער פלאַם אויפסניי אויך גליען.

יאָ, דער פלאַם, דערפילסט אים, קינד,
וועסטו אים שוין תמיד פילן, —
ס'ווערט אין האַרץ אַ טיפער ווונד
ווען מע וויל דעם פלאַם פאַרשטילן. —
גליקלעך די, וואָס קינדער־בלינד,
ווייסן זיך נאָר אומצושפּילן,
וואַרפן זיך מיט יעדן ווינט,
בויגן זיך דעם רגע'ס ווילן.
זיי בלייבט זייער האַרץ געזונט,
האַרט זיי בלייבן די געפילען,

נאָר אויב הויבן ווילסט דו, קינד,
די פרוכטן, וואָס פאַרהילען
פון די אויגן דעם אָפּגרונד,
וועסט דו גלייך דעם פלאם דערפילן.
און דערפילט אַז דו האָסט אים
איז דיין רו דיר אָנגעווירן.
אימער, אימער וועט דיין ברום
ווי אַ ווינטער טאָג זיך כמאָרן.
זען וועסט דו אויף יעדן בלום
נאָר אַ דאָרן נאָר אַ דאָרן;
און אַ גליקלעך רייכע שטים
ווי אַ קלאָג וועט דיר זיך הערן.
און וועסט בלאָנדזשען אומעטום
אָן אַ וועג און אָן אַ שטערן —
פאַר דער ערד נאָך צו פיל פרום,
נאָר פאַרן הימל שוין פאַרלאָרן.

ווען פון אויבן שיינט די זון
וועט זיך כמאַרע דיר דערמאָנען,
און אַ פעלד, פאַרקליידט אין גרין,

וועט דערציילן דיר פון וויאַנען,
און אַ טייך וואָס פליסט — וווהין ? —
וועט דיר מורמלען : גיי פון דאַנען !
און דאָס פלאַטערן פון אַ בין
איבער קנאָספען פון טולפּאַנען,
און דער גרינער וואַסער שפּין,
וואָס קומט אָן, — ווער וויס פון וואַנען ? —
און די גאַנצע שיינע וועלט
מיט איר רייך באַצויבערט פּוצן,
איר צולאָזטער לאַכן אין פעלד,
איר אין וואלד ווייך־פרומע צוויטצן,
מיט איר זומער, מיט איר קעלט
וועט דיין בלוט דיר ניט צוהיצן.
און אַ שמעקנדיקער ריח
און אַ וווּנדערליכעס זינגען,
וואָס באַטרינקט אַ יונגען מוח,
קאָכט זיך בלוט אין האַרץ דעם יונגען,
און אַ נאַכט ווען אין דער שטיל
די חלומות אונדז פאַרבינדן,
וועט ניט וועקן דיין געפיל,
און דיין האַרץ דיר ניט אָנצינדן.

דאָך, באַהאַלטן, וועלן לאַנג
טיף אין דיר פיל ווונטשן גליען.
ס׳וועט דאָס לעבן, ווי אַ צוואַנג,
צו זיך ציען, צו זיך ציען,
כ׳וועט דיך אַנגסטן, ס׳וועט טון באַנג
דיר דיין פרי פאַרוועלקטעס בליען,
מיט דיין יוגענד, גאָטס געשאַנק,
וואָס וועט קאַלט, אָן שיין פאַרפליען,
דען באַשאַפן איז די ברוסט
זיך צו ציען, ניט צו דריקן.
און האַרץ נאָר תמיד גלוסט,
און עס זוכן אויף די בליקן...
און ניט איינמאָל וועט דיין רו
אין דיין בעט דיך ניט דערוויסן,
און די זון ניט וועקן פרי
מיט אַ שמייכל מיט אַ זיסן.
ווו געוואַנדערט, מענטש, האָסט דו



וועט די נאַכט אַליין נאָר וויסן.
דיין שווער בענקען מיט דיין פירן
וועלן שאָטנס דיכט פאַרבאָרגן,
און מיטן ערשטן זונען שיין
גיך פאַרשווינדן אין פרי מאָרגן.

דאָך, מיין קינד, ניט אָן טרייסט
איז אַוועק מיין יונגע צייט.
ווער דער פלאַם דערפילט דער ווייסט
אַז דורך אים ווערט ער באַנייט.
נאָר דאָס ליידנשאַפט איז פליכטיג, —
ס׳פלאַקערט אויף און ווערט פאַרשוווּנדן, —
און ווי אַלעס ערדיש איז עס וואָגיק
צו דער ערד צוגעבונדן.
אָבער ער, דער פלאַם... אַ הימליש וועזן
איז געווען דער ווונדער פלאַם,
אים נאָר יענער פלעג געוועזן
וועמעס גאָטליך איז דער שטאַם.
ביז געקומען איז אַ העלד
פון אַ שיין לעגענדען לאַנד,
און דעם פלאַם פון גאָט׳ס געצעלט
האָט געגנב׳עט מיט דרייסטער האַנט,
און צו אונדז, די מענטשן קינדער,
טריאומפירענד, אים געבראַכט.
און — געשען איז דאַן אַ ווונדער :
ווי אַ נייע וועלט וואָלט אויפגעוואַכט.
האָריזאָנטן נייע און אַ שטרעבן,
וואָס גרייכט איבער רוים און צייט,
האָט מיט פליגל אונדז באַגעבן
זיך צו הויבן הויך און ווייט ;
זיך צו הויבן ווייט אַוועק
פון דער ערד מיט אירע שימעל
צו אַ ברייטקייט אָן אַן עק,
צו דער הויך פון סאַמע הימל, —
דאָרט ווו ס׳לייכטערן העל די ספירות,
הימליש שפּילט אַ פרומער באַנד,
און מלאכים זינגען זמירות,
טאַנצן הקפות נאָכאַנאַנד.

*    *    *

און איך ווייס, אַז גאָר פּלוצלינג וועל איך זיך פאַרלעשן
ווי אַ ליכטל אין אַ פינסטערע נאַכט,
און פאַרגעסן גיך וועלן די פריינט און די שונאים
ווי מע האָט מיך צו קבורה געבראַכט.
נאָר גאַנץ לאַנג נאָך מיין טויט וועט האַלטן אין ברענען
און העל שיינען מיין הימלישער פלאַם,
און וועט לייכטן ווי לאַנג נאָר עס שיינען די שטערן
און עס רוישן די כוואַליעס אין ים.

---

## מלך ראַוויטש

## מיין לעקסיקאָן — באַגעגענישן — יוסף הלל לעווי

(1891 אין קראקע — זינט 1914 געוווינט אין מינכען — 1939 אַנטלאָפן און נאָך פיל וואַנדערונגען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן).

קראקע איז אלט, אוראלט, קראקע איז שיין, שיין אָן אַ גרעניץ. קראקע האָט אלטע קירכן און פונקט אזעלכע אלטע שולן, קראקע האָט אלטע טויערן און די בלויע ווייסל שלענגלט זיך ממש דורך דער מיט שטאָט, דער אלטער פוילישער קעניג־שלאָס וואוועל שטייט אויף אַ בערגל אין מיטן שטאָט, אַ סך טורעם־שפיצן שווימען דאָרט אין די וואָלקנס אָדער טונקען זיך אין ליכטיקן בלוי, און איינער פון די וואוועל דעכער איז פון ריינעם גאָלד. אויף דעם גרויסן פלאַץ אין קראקע שטייט די מאריען־קירכע מיט די צוויי אומגלייכע טורעמס און פון איינעם פון די טורעמס טרומייטערט מען אלע זעקס שעה מיט אַ לאנגען טרומייטער דעם „העינאל“. אַ זייגער זעקס אין דער פרי, דאָס ערשטע מאָל. און דאָס בת קול פון דעם טרומייט צעטראָגט ווייט און ברייט איבער דער שטילער שטאָט אַפילו צו מיטאָג־צייט, מכל שכן אַ זייגער צוועלף ביינאכט. און הארט אָן די הויכע בארג־ווענט פון דעם וואוועל־שלאָס שפארט זיך אָן דער יידישער שטאָט־טייל, אַמאָל איז דאָ געווען דאָס געטאָ, געשטאַנען דירעקט אונטער דעם שוץ פון די פוילישע מלכים. דאָ איז געווען שיינקייט און רייכטום און פרומקייט אָן אַ שיעור. דאָ איז געבוירן געוואָרן יוסף הלל לעווי, אַ זון פון אַ סופר, וואָס איז געווען ממש הויט און ביין שוין פון כסדר טובלען זיך פאר יעדן שם המפורש כתיבה'ענען. און אַ צעשראָקן, בלאס און קיילעכדיק פנים האָט ער געהאט, יוסף לעווי, גרויסע, אָפענע אויגן גרוילעך־בלווילעכע, און אליין איז ער מאגער און דאר געווען ווי אַ דאָן קיכאָט אין דער צייט פון זיין גרעסטער ליבע צו דולצינעא. אזוי האָב איך יוסף לעווי'ן צום ערשטן מאָל געזען אין קראקע אין יאָר 1912. משה זילבערג, דער ווילנער פארשיקטער אין אויסלאנד איז דעמאָלט אויך געווען



אין קראָקע. און זאלבעטריט זענען מיר נעכט־לאנג ארומגעגאנגען איבער די שיינע קראקאווער פלאנטן, וואָס נעמען ארום דעם צענטער־שטאָט, וואָס זענען פארפלאנצט דאָרט, וווּ עס זענען אמאָל געווען די וואַסער־גריבער, דער לעצטער שוץ פון דער קראקעווער פעסטונג קעגן די טאָטערן... און יוסף הלל לעווי האָט מיט זיין אומעטיקער שטימע געזונגען און געזונגען אָן אַ סוף פאָלקס־לידער, ליבעס־לידער. דער „העינאל“ האָט שוין לאנג גערופן די לעצטע פלאנטן־שלעפערס אַהיימצוגיין שלאָפן און עס איז שוין באלד נענטער געווען צום פרימאָרגן־העינאל.

און צו דעם אלעמען איז קראקע געווען די שטאָט, וווּ עס האָט זיך יאָרן־לאנג געדרוקט דער „יוד“, וואָס האָט געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין דער יידישער ליטעראטור און רייזען האָט דאָ רעדאגירט אלערליי צייטשריפטן און דערצו נאָך איז קראקע געווען דער צענטער פון דער פוילישער ליטעראַטור, „טלאדא פאלסקא“ איז דאָ געבוירן געוואָרן.

אונטער אזעלכע אומשטענדן וואָלט מען באמת געמוזט זיין פון אייזן און האָבן אַ הארץ פון שטיין נישט צו ווערן אַ יידישער דיכטער. איז טאקע יוסף הלל לעווי געוואָרן אַ דיכטער. און אין מאנכע פון זיינע לידער, ווי אין זיין אויטאָביאָגראפישער, אָדער ריכטיקער טאטנס־ביאָגראַפישער סעריע „מיין טאָטע, דער סופר“ האָט ער זיך דערהויבן צו דער דינסטער און שענסטער ליריק. נישט נאָר זיין אייגענעם טאָטן האָט ער דאָ געשטעלט אַ פאַפירענע — און דערפאר מער דויערנדיקע ווי אַ שטיינערנע — מצבה, נאָר אויך אלע שיינע יידישע סופרים פון פוילן און ליטע פון ניינצענטן יאָרהונדערט.

און אָט איז ער פארשוווּנדן, ריכטיקער געזאָגט מגולגל געוואָרן — יוסף לעווי, אויסגעוואַקסן אין מינכען גאָר מיט אַ ווייב און אַ סך קינדער און אַ געשעפט פון בעטן און מאטראצן. און אין איין שיינעם טאָג איז ער גאָר אַריינגעפאלן קיין ווארשע — אַרום 1930. דאָס זעלבע צעשראָקענע קיילעכדיקע פנים מיט די גרויסע, ברייט־אָפענע אויגן נאָר שוין נישט מער אזוי דאָן־קיכאָטיש מאָגער און דערצו מיט אַ פיינעם אויבער מלבוש. אזוי פיין, אַז די גוט־אָרגאניזירטע חברה פון די ווארשעווער יידישע „דאליניאזשעס“ (קעשענע־גנבים) האָבן אים ארויסגע'גנב'עט דעם פאס, דאָס געלט און די לידער פון זיינע קעשענעס אַ שעה פארן אָפגיין פון זיין צוג קיין מינכען. די לידער האָבן זיי באלד צוגעשטעלט צוריק אין ווארשאווער ליטעראטן־פאריין... דאָס געלט האָבן זיי זיך גענומען פארן אומקערן די לידער אזוי גיך... צום שווערסטן איז עס אָנגעקומען מיטן פאס. פארן פאס האָבן זיי געפאָדערט עקסטרע אויסליי־געלט און האָבן אויך באקומען. דער פאס, האָבן זיי גע'טענה'ט, איז גאָלד מיט זילבער אין זייער פראָפעסיע, עס איז געווען אַן אויסלאנד־פאס פון אַ פוילישן בירגער מיט זייער אַן אלטער, אָפגעריבענער פאָטאָגראַפיע. „שראבן“ האָבן זיי גע'טענה'ט, איז אייער פאך, האָבן מיר אייך תיכף אומגעקערט דאָס שרייבעכץ, נאָר גנב'ענען איז אונזער פאך און צו דעם דארפן מיר אַ פאס אזוי ווי איר להבדיל דארפט האָבן אַ טינט־און־פעדער.

און יאָרן זענען אוועק און היטלער איז געקומען צו דער מאכט און יוסף הלל לעווי איז נאָך אַלץ געזעסן אין מינכען. נאָר פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן צו קומען פון אים אַלאַרמירנדיקע בריוו, געשריבן מיט כלערליי רמזים און אָנצוהערענישן אויף דער ביטערער לאַגע. עס איז געוואָרן אַלעמאָל ענגער און ענגער צווישן די מאַטראַצן און די בעטן, זיי האָבן געדראָט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ מאַטראַצן־קבר (היינעס באַרימטע וואָרט וועגן זיין קראַנקנבעט) פאַר זיין גאַנצער פאַמיליע, האָט לעווי געשריבן.

און וואָס אַ טאָג און וואָס אַ וואָך זענען די בריוו געוואָרן נאָך צעשראָקענער און נאָך פאַרצווייפלטער און אין איין שיינעם טאָג האָבן זיינע אַדרעסן געגומען וואַנדערן איבער גאַנץ אייראָפּע. דערכאַפּן מיט אַן ענטפער אָדער מיט אַ ביסל חברישער הילף האָט מען אים שוין געקענט נאָר טעלעגראַפיש. דאָ איז ער אין בעלגיען און דאָ אין פראַנקרייך און ער לויפט מיט די צעשראָקענע אויגן און היטלער לויפט אים ממש נאָך. יוסף לעווי, דאָס קינד פון ראָמאַנטישן קראָקעווער געטאָ, דאָס קינד פון שיינעם געטאָ פון מיטלעלטער אַנטלויפט און דאָס שרעקלעכע, בלוטיקע געטאָ פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט נאָך אים. און שוין מיטן אין סאַמע ווירבלשטראָם מיט זיך פאַר אים זיין טאַטע דער סופר אין הימל און ממש אויף פליגלען ברענגט ער אים קיין לאָנדאָן. און אַ בוך פון לידער ווערט דאָרט געשריבן און געדרוקט ממש אין האַגל פון באָמבעס.

## בן־א. סאכאטשעווסקי

## יואל מאסטבוים אין תל אביב

(צו זיין באַזוך ביי אונז)

עס זיינען דאָ מענטשן וועגן וועלכע עס איז אַ נחת רוח צו שרייבן, ווייל מען דאַרף זיך גאָרנישט אָנשטרענגען כדי צו זאָגן אַ פּאָר גוטע אויפריכטיקע ווערטער וועגן זיי. צו דער דאָזיקער כמעט זעלטענער קאַטעגאָריע באַלאַנגט אויך דער זייער גוט באַקאַנטער שריפטשטעלער יואל מאסטבוים, וועלכער געפינט זיך אין ארץ ישראל שוין פאַר לערך פופצען יאָר. איצט קומט ער אויף אַ קורצן באַזוך קיין לאָנדאָן אויפן וועג קיין אַרגענטינע, וווּ עס וועלן בקרוב אַרויסגעגעבן ווערן אַלע זיינע ווערק. פאַר דעם היגן יידישן אינטעליגענטן לייענער איז מאסטבוים זיכער נישט קיין נייער נאָמען. ער האָט שוין פריער פאַרבראַכט איניקע יאָרן אין לאָנדאָן און אויך זיינע ביכער, דערציילונגען, נאָוועלן און ראָמאַנען זיינען פיל געלייענט געוואָרן.

מיין אויפגאַבע איז אָבער נישט איצט זיך אָפּצושטעלן וועגן די ווערק, וואָס ער האָט שוין געשאַפן, נאָר בעיקר וועגן מאסטבוים דעם מענטש און שריפטשטעלער אין תל אביב און אויף דער ראָלע, וואָס ער שפּילט דאָרט אין דער יידישער און העברעאישער שרייבער משפחה.

זאָל מען מיר מוחל זיין, ווען איך וועל זאָגן אַז מאסטבוים איז כמעט דער גאַסטפריינדלעכסטער פון צווישן די שריפטשטעלער אין ישראל. ער וואָרט



ניט אַז אַ חבר און קאָלעגע זאָל אים אָפּזוכן, נאָר ער באַמיט זיך אַליין אויסצוגעפינען דעם שרייבער חבר און קאָלעגע, וועלכער קומט צו גאַסט אין ישראל. ווי נאָר די העברעאישע אָדער יידישע פרעסע ברענגט אַ מודעה וועגן אַזאַ אָנקום. דאָס איז נישט סתם אַ שבח וואָס ווילט זיך זאָגן וועגן אַ ליבן חבר, נאָר אַ פאַקט, וואָס דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט דורכגעמאַכט.



יואל מאסטבוים (צייכענונג) פון מאָריס סאָכאַטשעווסקי

די שיינע דירה פון יואל מאסטבוים אויף רחוב דיזענגאָף אין תל אביב, איז שוין לאַנג געוואָרן אַ צענטער פאַר חברישע אויפנאַמען. עס ווערט דאָרט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ יידישן און העברעאישן שרייבער. דאָרט, ביי מאסטבוים׳ן אין שטוב, קומען פאַר די פונקציעס פאַר די שריפטשטעלער געסט, און אומגעהויער פיל, און אפשר דעם גאַנצן עול פון די דאָזיקע פונקציעס טראָגט אויף זיך זיין פרוי, מרס. מאסטבוים, וועלכע איז דורך אַגב באַקאַנט אויף רחוב דיזענגאָף אַלס די שיינע העלענאַ. צוזאַמען מיט זיי

ווינט אויך מאַסטבוימ׳ס שוועגערין, רחל׳ע, וועלכע איז אויך אזא האַרציקע, אַ גוטע פּונקט אזוי ווי איר שוועסטער, און זיי ביידע געבן צו אַ סך לעבן און עכט יידישן חן צו די ליטעראַרישע פאַראַנשטאַלטונגען ביי זיי אין הויז.

פרוי מאַסטבוים גייט אַרום מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן און צוזאַמען מיט איר יונגערע שוועסטער, רחל׳ע האַלט זי אין איין מוטיקן די געסט צו עסן און טרינקען וואָס מער פון די גוטע זאַכן, וואָס ווערן סערווירט. עס דויערט גאָרניט לאַנג און איר באַקומט ליב די מאַסטבוימס היים און איר דערפילט זיך דאָרט ניט בלויז היימיש נאָר אויך ווי צווישן צוויי ליבליכע פרויען וואָס איר הויבט אָן באַטראַכטן ווי אייגענע שוועסטערס. אויף דעם דאָזיקן געביט איז מאַסטבוים באמת איינער פון די זייער ווייניק געבענטשטע מענטשן.

אין משך פון די אלע יאָרן וואָס ער געפינט זיך אין ישראל האָט יואל מאַסטבוים זייער פיל געשאַפן. זיינע דערציילונגען ווערן דאָרט געדרוקט ניט בלויז אין זיין אָריגינאַלן יידיש, נאָר אויך אין העברעאישער איבערזעצונג. זיינע ווערק דערשיינען אין „דבר“, „דבר השבוע“ און אין אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן. אין משך פון צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ זייער מערקבאַרער איבערגאַנג אין זיין טעמאַטיק, טיפּן, כאַראַקטער, און שילדערונגען. די ליכט פון ארץ ישראל האָט אַרויסגעצויגן פון זיין פיינער נשמה שטיקער פון גלות און זייער אָרט איז בהדרגה, און אפשר אויך אָן זיין וויסן, פאַרנומען געוואָרן מיט ספּעציפיש ארץ ישראל׳דיקעס.

ניט בלויז זיינען די ישראל׳דיקע מענטשן געוואָרן אַ טייל פון אים, פון זיין שאַפן, נאָר אויך יעדעס שטויבעלע אין יידישן היימלאַנד איז אים ליב און טייער געוואָרן. פון גרויס ליבשאַפט צו ישראל האָט ער אויך אין חיות, פויגל און בהמות דערזען דעם אויסדרוק פון ספּעציפיש יידישער אייגנאַרט. דאַכט זיך אַז מאַסטבוים האָט אין זיינע פריערדיקע שאַפונגען זיך ווייניק אָפּגעשטעלט וועגן פיר פיסיקע חיות און בהמות. איצט זעט ער אין דער ישראל בהמה, כאַראַקטער, שיינקייט, אַ אייגנאַרט דענקען; און דאָס אַלעס ברענגט ער אַרויס אזוי שיין, לעבעדיק און כאַראַקטעריסטיש ווי דאָס קען בלויז טאָן אַ שריפטשטעלער, וואָס גייט צו צו זיין אָביעקט ניט בלויז ווי אַ שרייבער, נאָר ווי איינער וואָס איז פול מיט ליבע צו דעם אַלעם וועגן וואָס ער שרייבט.

יואל מאַסטבוים באַלאַנגט אויך צו די גרויסע ישראל פּאַטריאָטן, און בעת מען האָט אַ שמועס מיט אים וועגן דעם ענין באַקומט זיך טיילמאָל אַפילו דער איינדרוק פון איבערגעטריבנקייט. דאָס דאָזיקע געפיל פון אזא גרויסער ליבשאַפט איז בלויז מעגלעך ביי שריפטשטעלער און דיכטער, געבוירן אין גלות, און וועלכע זענען אָנגעזאַפּט מיט די דורות־לאַנגע־ליידן און יסורים פון אונזער פאָלק אין אַלע לענדער פון דער וועלט. זאָגט נאָר, חלילה, ניט קיין שלעכט וואָרט וועגן ישראל צו דעם געהער פון מאַסטבוים, און אויב יאָ דאַן וועט ער ניט בלויז אייער קריטיק נאָר טאַקע אויך אייך אַליין באַטראַכטן ווי אַ מענטש, וועלכער פאַרשטייט ניט און פילט ניט די באַדייטונג פון ישראל



אַלס זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק היימלאַנד פון אונזער אויפס־ניי געבוירן פאָלק.

עס איז אמת, אַז מאַסטבוים פילט פּונקט אַזוי ווי אַלע פון אונדז, יידישע שרייבער און דיכטער, אַז מיט דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן פון אונזער פאָלק, זיינען מיר שטיין געבליבן פאַר אַ טראַגישן איבערברוך אין אונזער לעבן אויפן געביט פון אונזער שפּראַך, יידיש, וואָס איז געבליבן ציטערן אין אונזער נשמה. עס שיינט אַז מאַסטבוים באַלאַנגט צו די יעניקע, וואָס באַגריפן, אַז מען מוז שלום מאַכן מיט דעם גורל, פאַרגעסן די טעמאַטיק פון נעכטן, דעם זכר לחורבן, און זיך ווידמען צו דעם נייעם לעבן אין ישראל, שרייבן אַפילו אין יידיש, נאָר האָבן פאַרן געדאַנק די דערוואַרטונג איבערגעזעצט צו ווערן אין העברעאיש. אויף דעם דאָזיקן געביט איז מאַסטבוים זיכער ניט קיין אויסנאַם פון די יידישע שריפטשטעלער אין ישראל. דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם איצטיקן דור לעבן געבליבענע יידישע שרייבער און דיכטער, וועלכע האָבן געהאַט דעם גורל געבוירן צו ווערן צו שפּעט אָדער צו פרי.

עס האָט זיך אייגנטלעך ניט געוואָלט אַרויסזאָגן די דאָזיקע פיינלעכע געדאַנקען ביי דעם איצטיקן מאָמענט, ווען מיר דערוואַרטן דאָ אזא חשובן ליבן גאַסט, חבר און קאָלעגע ווי יואל מאַסטבוים איז, אָבער עס איז געווען אומפאַרמיידלעך דורכצולאָזן אזא מאָמענט אין וועלכער יואל מאַסטבוים איז אויך אַ שטאַרקער נוגע בדבר.

עס איז מעגלעך, אַז ווען די דאָזיקע נאָטיצן וועלן דערשיינען וועט שוין יואל מאַסטבוים זיין אין לאָנדאָן, און זאָל אונז דערפאַר דערלויבט ווערן אים צו זאָגן אַ האַרציקן ברוך לשלום מיט דער האָפענונג, אַז ניט בלויז די היגע יידישע שרייבער משפחה, נאָר אויך דער גאַנצער יידישער לייענער עולם וועט אים אויפנעמען מיט שמחה און אָפענע אָרעמס.

זיי באַגריסט ליבער חבר און קאָלעגע, יואל מאַסטבוים, צו דיין באַזוך ביי אונז אין לאָנדאָן.

---

## פעדעראַציע פון פרויען ציוניסטן

אין הויז פון דער פעדעראַציע אויף 107 גלאָסטער פּלייס איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ אויסערגעוויינלעכע פאַרזאַמלונג.

עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ גרופּע וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען: „איסט לאָנדאָן ווימענס זייאָניסט סאָסייטי“ (געזעלשאַפט פון פרויען ציוניסטן אין מזרח־לאָנדאָן), און די פאָלגנדע ערן־באַאַמטע און קאָמיטעט מיטגלידער זענען דערוויילט געוואָרן:

טשערמאַן: פרוי ב. דזשאָזעף; וויס־טשערמאַן: פרוי ל. שטיינמעץ־מייזלס; טרעזשורער: פרוי מ. טאַבאַטשניק; האָנ. סעק.: פרוי מ. ראַפּאַפּאָרט, 45 פילדגייט סטריט, א.1.

# די יידישע קונסט אין ישראל

(אַ פאָרטראַג געהאלטן אין בן־אורי)

אויף דער פראגע צי מדינת־ישראל האָט שוין אן אייגענע מאלעריי, אַן אייגענע פלאסטישע קונסט? — מוז מען ענטפערן יידישלעך מיט אַ פראגע אויף אַ פראגע: ווי לאנג איז עס דען ווי אין דער מאלעריי, אין דער פלאסטישער קונסט, האָט אזא מדינה ווי ענגלאנד, אָנגעהויבן צו פארנעמען אַ שטיקל ארט? די גאָטיק איז ניט קיין געוויקס פון דער אינזל דאָ, די מאַדאָנעס און קרוציפיקסן האָבן נישט קיין אויסגעשפּראָכן ענגליש פנים (אפשר טאקע דערפאר שפּעטער די „בילדער צעשטערער" דאָ אין די קירכעס.) און כדי צו מאלן היסטאָרישע בילדער און קעניגלעכע פארטרעטן האט מען נאך געמוזט איינלאדן אַ האָלבייך, אַ וואַן דייק. קוים מיט אַ 150 יאָר צוריק, מיט גיינסבאראו, קאָנסטעבל, טערנער גייט ענגלאנד אַריין מיט אייגענעם שטייפלעכן שטריך, און וואסער־פארביקן נעפלדיקן הויך, צווישן די געציילטע פעלקער אין דער מאָדערנער מאלעריי, א דערגרייכונג, אין וועלכער ס׳האָבן נישט זוכה געווען קיין סך אייראָפּעאישע פעלקער. און קוים צוויי יאָר ווי עס עקזיסטירט אַ יידישע מדינה און מ׳וויל שוין וויסן, צי ישראל האָט שוין אַן אייגענע מאלעריי? אזא יידישלעכע אויפדרינגלעכע פראגע שמעקט שוין מיט יידישער חוצפה.

מען צעאַקערט דאָך ערשט די שטייניקע, זאמדיקע און בלאָטיק מדבר־ערד, כדי פעלדער זאָלן אויף איר וואַקסן! מיר האָבן נאָך נישט דאָס מעל געמאָלן פון די געשניטענע תבואות און מיר ווילן שוין די געמאָלענע לאנדשאפטן? מען וויל דאָך ערשט דעם צלם־אלוקים אונזערן געבן אַ מענטשלעך פנים, כדי פאָרטרעטן פון אים צו קענען מאָלן, כדי פון אונזער צערוישטן און צוטומלטן לעבן — מאכן אַ שטיל־לעבן...

און נאָכמער, עס וועט נישט זיין קיין צו גרויס אפיקורסות צו וועלן דרינגען, אז דער כוח פון ישראל איז נישט דווקא די פלאסטישע קונסט און די מאלעריי: די צו שטארקע זון, כמעט דאָס רוב פון אַ גאנץ יאָר, דער שלל פון די שטראלן און דער אימפּעטיקער צוריקפראל פון ליכטיקייטן אין די בערג, אז ס׳זאָל זיין צו שטארק פעאיק צום לייכטן שפּיל פון ליכט און שאָטן — אין יעדן טיפסטן שפּאלט דרינגט זיך אריין די זון! קוקט דאָך אָן אַ פנים אין ישראל און דאָס זעלבע פנים אין חוץ־לארץ: דאָרטן איז עס אַ צעשטראלטע ליכטיקייט און דאָ איז עס אַ פנים פול מיט קנייטשן און פאלדן...

אז דו פילסט דעם קלימאט פון ישראל, דו טאַפּסט אָן מיט די הענט דעם גליאיקן פלעניער אין דער לופט, דו זעסט דאָס פלינקע וואקסן פון דער פלאָרא, קומט דעמלט אויס, עפּעס אז דער „לא תעשה לך פסל" אין די עשרת הדברות, איז אפשר גאָרנישט אַ פארבאָט פון אַ קנאהדיקן אייפערזיכטיקן גאָט, וואָס וויל בלייבן איין־איינציק, נאָר די פוקסישע קלוגקייט פון אַ פאָלק, וואָס אויף אַ זאך וואָס עס קאָן נישט דערגרייכן זאָגט עס, אז מען טאָר נישט.

און ווי קאָן מען דען אנדערש פארשטיין אזא מאמר חזל: „המפסיק משנתו ואומר מה נאה אילן זה הרי זה מתחייב בנפשו", אז אויב אונזער געביט איז דורכאויס דאָס עטישע וואָרט, איז דען נישט דאָס זיך אַריבערוואַרפן אויף נאטור־שיינקייטן און זיי באוואונדערן ממש אַ זעלבסטמאָרד?

און אפנים, אז אין דער בוי־קונסט, אין דער ארכיטעקטור, איז אונזער לאנד אויך נישט געשטאנען אויף אַ געהויבענער מדריגה! נאָכדעם ווי דער פּסוק באשרייבט די רייכקייטן און די אוצרות פון שלמה המלך און ווי ער איז געווען דער חכם מכל אדם, איבער אלע מענטשן פון דער וועלט: „וידבר און ער האָט גערעדט דריי טויזנט משלים און פינף טויזנט לידער", „וידבר און ער האָט גערעדט איבערביימער פון צעדער וואָס אין לבנון ביזן אזוב, וואָס אַרויס פון וואנט... „און ער האָט גערעדט איבער בהמות" א.א.וו. ווי בעט ער זיך ביים קעניג פון צידון, אז ער זאָל אים שיקן האָלץ־שניצער און שטיינער טשעסער „וואָרים דו ווייסט, אז צווישן אונז איז נישט דאָ קיינער וואָס פארשטייט" זיך אויף דער מלאכה...

און דער פּסוק לאָזט אויס, אז „די בוימייסטער פון שלמהן און די בוימייסטער פון חירמן און די גבלער" האָבן געבויט דאָס בית המקדש.

אלנפאַלס פון די אַלטערטומ׳ס אויסגראָבנגען, וואָס מען געפינט ישראל, ווייזט זיך אַרויס, אז מיר האָבן על כל פנים פארמאָגט אַ חוש פאר שיינקייטן צו באפּוצן אונזערע הייזער און אויסצוטאָקן אונזערע כלים, אָבער בכל אופן פיל ווייניקער ווי די נאָנטע שכנים אונזערע און ווער שמועסט ערשט פון די יונים, די גריכן.

דאָס אלץ איז, אויב מיר ווילן רק זיך קוקן אין פנים אַריין בלויז מיט אונזערן געשיכטלעכן פערספּעקטיוו. אין אונזער צייט אָבער שטייט די זאך גאנץ אנדערש! ווי אַן אייראָפּעאיש פאָלק, ווי אייראָפּעאישע יידן האָבן מיר אויף דעם געביט, אין דעם קונסט־צווייג דאָך צו עפּעס זיך דערוואַקסן.

אלנפאלס, אויב ענגלאנד האָט זוכה געווען מיט 150 יאָר אַריינגערעכנט צו ווערן צווישן די קונסט שאפנדיקע פעלקער אין אייראָפּע, באמיען מיר זיך אין די לעצטע 150 יאָר צו זיין מיטשאפנדיקע אין די אייראָפּעאישע קונסט, און נישט אָן דערפאָלג.

לויט ווי מאנכע פון אונז ווילן, זאָלן שוין האָבן יידן מיטגעאַרבעט מיט די איטאליענישע מאלער אין רענעסאנס־צייט. און תמיד ווען איך טראכט וועגן גרעקאָ און פון זיינע בילדער איז עס ביי מיר קיין שום ספק נישט, אז ער איז געווען אַ ייד. זיין אנטלויפן אין דער אנוסים־צייט פון שפּאניען, צוריקקומענדיק מיט אַ געענדערטן נאָמען, זיינע מאָטיוון און זיינע אָנצאָליקע יידישע פנימער, זיין מאָנומענטאַלע עקסטאַזישקייט און פאַרטיפטע פנימיות.

און באמת, רעמבראנד, אַפילו אויב ער איז אַ האָלענדער, איז ער אין דער קונסט אַ גר־צדק און ער וועט בלייבן אזא אין דער יידישער קונסט אין ישראל ווען מיר וועלן זי האָבן — ער האָט זיך דאָך אויף זיינע עלטערע יאָרן זיך אַריינגעצויגן אין יידישן געטאָ אַריין אין אמסטערדאם, וועט ער אויך גיין מיט אונז קיין ישראל...

אין דער דייטשער קירכן מאלעריי האָבן מיר דאָך משמדים וואָס מיר

„גרויסן“ זיך מיט זייערע נעמען ווי ראפאעל מענץ, יאַן פּייט א. א.

און אין די לעצטע 150 יאָר האָבן מיר שוין גרויסע אייראָפּעאישע מאָלער און סקולפּטאָרן מיט יידישע נעמען און געבליבענע יידן, ווי איזראעל, פּיסארא, ליבערמאן, אנטיקאָלסקי, גליצנשטיין, אַראָנסאָן, אין די פריערדיקע דורות, אין אונזער דור האָבן מיר אַזעלכע נעמען ווי שאגאל, אדלער, סוטין, מאדעלאני, ריבאק, קאץ, עפּשטיין, אָרלאָוו און צענדליקער, צענדליקער נעמען, — אַ גאנצן לעקסיקאָן שוין! — פון באקאנטע יידישע מאלער און סקולפּטאָרן. אפילו דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן קאָן מען אָנציילן מער ווי אַ צענדליק יידישע קינסטלער. נאָר צו דערמאנען אייניקער פון די יונגערער: הערמאַן, סאָקאָל, ציגלער, אַלוואַ, עלגע פרענקל, גישאַ קעניק.

מיר האָבן אָן שום ספק אַן אייגנארטיק יידישע קונסט! און ווי אַ גאנצקייט וועלן מיר אַריינגיין אין דער אייראָפּעאישער קונסט, מיט אונזערע יידישע און יידישלעכע מאָטיוון, מיט אונזערע אייגנארטיק נערוועזע און ברייטע שטריכן, אונזער ציטערדיק ניואנסירנדיקן פארב־דערפילן — צי מאנכע קינסטלער לוינט זיך, צי נישט, דאָס איז זייער עסק!... ווי אַ גלות־פאָלק, אין אייראָפּע, האָבן מיר אין דער אייראָפּעאישער קונסט אַ סך מער צוגעשטייערט און געשאפן, ווי מאנכע גרויסע פעלקער וואָס וווינען און זענען איינגעוואָרצלט אויף דער אייראָפּעאישער ערד.

ישראל איז יעצט אַ מדינה, אזוי האָט די יידישע געשיכטע געוואָלט און אַזוי ווילן מיר! און די יידן פון די אייראָפּעאישע לענדער, די בויער פונם לאנד, — אלנפאלס אין די צווייגן פון קונסט, די גאנצע 99 פּראָצענט! — גרייטן צו דאָס לאנד, אז עס זאָל פעאיק זיין אונז אויפצונעמען מיט אונזער גייסטיק האָב און גוטס — מיט 2,000 יאָריקע דערפארונגען אויפגענומענע מיט אַ נייעם אייראָפּעאישן בליק! אין אונזער טעכנישן קענען און אין אונזער געוואָלטיקן ווילן איז קיין צווייפל מער נישט דאָ.

אויפצובויען דעם טעכניקום אין חיפה, די הדסה אין ירושלים, דאָס בית־ברענער אין תל אביב האָבן מיר שוין געהאט אונזערע אייגענע בוימייסטער: דאָס פרימיטיווע אָנהויבן פון דער בצלאל שולע פון פּראָפעסאָר שץ, זי צוריק באנייען מיט יוסף בודקאָ און איצט מיט דעם מאָנומענטאַלן פאַרבן־קינסטלער מרדכי ארדון־בראָנשטיין איז שוין מער ווי אַן אָנהויב!

**און קאָן מען דען אויסרעכענען די אלע נעמען פון אָנגעזעענע קינסטלער** איצט אין ישראל ווי קולוויאנסקי, שטיינהארד, פרענקל, ראובן, פּן, שבת, טיקא, בן־צבי, לבנון, הוראָוויץ, ליליענבוים און צענדליקער, צענדליקער אנדערע, כן ירבו? אָבער אז פון די געבוירענע שוין אין ישראל, שניידט זיך שוין אַרויס אזא קינסטלער, ווי משה קאסטעל, וואָס לייכט מיט זיינע ליכטיקע יידישע פארבן און יידישע מאָטיוון, ווי ער וואָלט זיינע פענזלען געטונקען אין די הימלען פון ירושלים און אין בלוט פון די קדושים — — — דאָס מיינט, אז אויב מיר אין אונזער עבר זענען נישט זוכה געווען צו זיין פון די בוימייסטער און פלאסטיקער פון אלטערטום אין מזרח, זענען מיר אָבער שוין יעצט דאָס איינציקע פאָלק דאָרטן אין אָריענט מיט גרויסע



קונסט־פּאָטענצן, מיט קונסט־שולעס און מוזעאומס, מיט גאלעריעס און קונסט־הייזער, נישט נאָר אין ירושלים מיט נארקיזן בראש און אין תל אביב מיט דר. שווארץ, נאָר כמעט אין יעדן גרעסערן ישוב און קבוץ, נאָר צו דערמאָנען יאסקילס מוזעאום אין חיפה, אויפן כרמל און אפּטייקערס אין עין חרוד.

אמת, די מוזעאומס זיינען זייער אָרים אין גרויסע אָריגינעלע און מען זעט בכלל נישט אַ בילד פון אַן אַלטן מייסטער; אָבער ווו זיינען די יידישע קונסט־זאַמלער און מעצענאַטן זיי זאָלן באַשענקען די מוזעאומס מיט אַ מינימום כאָטש פון גרויסע בילדער, וואָס איז נויטיק פאַר אַזעלכע קונסט־אינסטיטוציעס, אַז זיי זאָלן באמת קאָנען פאַרעכנט ווערן ווי אַזעלכע . . . עס איז רירנדיק ביז גאָר די איבערגעגעבענע אַרבעט, ביי וועלכער עס שטייט גראָד אַ פיינע יידישע דיכטערין, רגודה פּאָטאַשי אין קונסט־ביבלאָטעק ביים בצלאַל, ווו זי באַמיט זיך די יונגע־ישראל־קינסטלער צו באַקענען כאָטש מיט רעפּראָדוקציעס פון אָריגינעלע קונסט־ווערק.

עס איז אַ גרויסער ווילן דאָ ביי די יידישע קינסטלער אין ישראל — — עס באווייזן זיך שוין די קאָנטורן, דער ראמען שטעלט זיך שוין צוזאם — עס וועט זיך שוין עפּעס מוזן באַווייזן! אפשר ווי גאָט, וואָס האָט זיך באוויזן אין אונזער וואָרט דורך די נביאים. אָבער קודם מוזן מיר זיך באפרייען פון די צופיל נישט יידישע איינפלוסן, אויף נאָכגעמאכטע פלאסטיק, איז זיכער חל דער לאו פון „לא תעשה לך פסל“, ווייל יעדעס בלויז טעכנישע נאָכמאָכן איז נישט מער ווי געטשקעס, ווי פיין נאָכגעמאכט עס זאָל נישט זיין.

דער ישראל קינסטלער מוז פאר די אויגן האָבן דעם טיפן הימל פון ישראל, אים אָנטאַפּן מיט די אויגן. און ווי די ערד וואָס ער טאפּט אָן מיט זיינע טריט, מוז ער די לופט אָנטאפּן מיט זיין יעדן אָטעם־צוג — די אטמאָספערע פון לאנד מוז זיין זיין „פלענעער“, און דאָס מוז דערגרייכט ווערן מיט די טעכנישע מיטלען נישט נאָר געלערנטע ביי מאנע און רענואר, נאָר דורך די שוין קינסטלעריש און יידישע אינערלעכע פארדייאונג פון די אייראָפּעאיש יידישע קינסטלער, וואָס האָט אין זיך דאָס בעל מלאכיש היימישע און חושימדיק פאלקסטימלעכע און פאלקסלאָריסטישע. וואָרים נישט נאָר טעמא און מאטיוו, נאר אויך קאליר און שטימונג קאן זיין פאלקלאריסטיש און יידישלעך...

דער הימל פון מאָנע און סיסלע איז גוט פאר דער אייראָפּעאישער אטמאָספערע, דער הימל פון שאגאל און ריבאק האָט אין זיך אַ ירושלים של מעלה! קאַץ'ס אַ מוזיקאנט איז דער „קול ששון“ פון די „חוצות ירושלים“. אדלערס אַ קאַלקולירטע קאָמבינאציע איז נישט אַ סימעטרישע קאָמפּאָזיציע — עס איז גמטריאות פון די עשר־ספירות! אין אונזער שטעטלעך האָבן מיר געפילט די אטמאָספערע פון ישראל, נאָך אונזערע מתים האָבן געהאט צרקאָפּנס ליגן ארץ ישראל ערד, און דערפאר איז אונזער קונסט יידיש־געוואַקסן און זיך נאטירלעך יידישלעך ענטוויקלט — אָנגעהויבן פונם פראנקפורטער אָפּענהיים און גרונינגער איזראעל און ווילנער אנטאָקאָלסקי, פון די לאָדזער גליצענשטיין, הירשנבערג ביז — — — אונזערע ישראל קינסטלער מוזן ציען ווייטער דעם יידישן שטריך, אַזוי אז די פארב זאָל שטיין אינם פנים... ש.

# יחזקאל נח ערליכמאַן

## דאָס טייערע אײדימל

(פֿאָלקלאָר דערציילונג)

ר׳ יוסיל, אַ בעל הבתישער ייד, אַ שיינער נגיד, מיט אַן אָפענע האַנט פאַר צדקה און גמילת חסדים צו רייכע און אָרימע, קומט צו אים אַריין זיינס אַ פריינד ר׳ ירחמיאל, — אַ סוחר פון רויכוואַרג (פוטער וואַרג ווי רויע פעלכלעך און פאַרטיקע פוטערס) און קויפט אַמאָל אויך אַ שטיקל וואַלד, פירט זייער אַ ברייט הויז, ער האָט ערשט נישט לאַנג חתונה געמאַכט אַ טאָכטער מיט אַ רבישן אייניקל פון גרויסן יחוס. האָט דאָס שטעטל נאָך נישט אויפגעהערט צו דערציילן פון די וואונדערלעכע גרויסאַרטיקע חתונה.

און אָט דער ר׳ ירחמיאל דערציילט ר׳ יוסלן, אַז עס טרעפט זיך אים צו קויפן אַ שטיקל וואַלד וואָס איז אַן אמתע מציאה, און אַזוי ווי עס פעלט אים אויס 500 רובל בעט ער אים, ער זאָל אים אויסבאָרגן פאַר אַ פּאָר טעג, ער זאָל קאָנען באַלד ענדיקן דעם מקח.

ר׳ יוסיל הערענדיק זיין פאַרלאַנג האָט גלייך ארויסגענומען פון זיין קאַסע 500 רובל און דערלאַנגט זיי, בסבר פנים יפות, צו אים, ווינטשנדיק אים מזל און ברכה. ר׳ ירחמיאל האָט צוגענומען דאָס געלד, און געאיילט זיך אַוועק צו גיין ער זאָל דערווייל נישט פאַרשפּעטיקן די קניה, און אַזוי איז זיך די וואָך רוהיק אַדורכגעלאָפן.

פרייטאָג, ווען ר׳ יוסיל איז אַהיים געקומען פון מקוה, — ווו מען ווערט געוואָר פון אַלע שטאָט נייעסן — דערציילט ער זיין ווייב, אַז מען רעדט, — אפילו גאַנץ שטאַרק בסוד, — אַז ירחמיאל גייט מאַכן פליטה (באַנקראָט), און וויל שוין שיקן זיין משרת, ער זאָל אים שיקן דאָס געלד וואָס ס׳קומט אים.

דאָס ווייב אָבער האָט אים צוריק געהאַלטן און געזאָגט: דו ביזט דאָך נישט זיכער אַז עס איז וואָר, און נאָך אַלעם, האָסט דו דאָך נישט געוואָלט ביי אים פאַרדינען, און ער וועט נישט זיין אַזוי געמיין צו פאַרכאַפּן גמילת־חסד־געלד. פאַרקערט, אויב דו וועסט יעצט, ווען ס׳איז שוין באַלד שבת, שיקן צו אים פאַרן געלד, וועט ער זיך געפינען באַליידיקט און קאָנסט נאָך ערגער מאַכן.

ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס ווייב איז גערעכט. ער האָט עס שוין אָבער געלאָזט איבער שבת. קוים זיך דערוואַרט ביז זונטאָג פרי, שיקט ער זיין משרת צו ירחמיאלן, ער זאָל אים אָפּשיקן די 500 רובל. זאָגט ר׳ ירחמיאל צום משרת, ער זאָל זאָגן דעם בעל הבית, אַז מזומן געלד האָט ער נישט היינט, אָבער ער וועט אים געבן „שוה כסף“ (ד.ה. זאַכן וואָס האָבן אַ געלד ווערט, גאָלד, זילבער, רויכוואַרג, אָדער אַ סחורה וואָס מען קאָן גרינג פאַרקויפן). אָבער ער אַליין, ר׳ יוסיל, וועט דאַרפן אַהער קומען. „מיר זאָלן זיך קאָנען אַדורך שמועסן וועגן דעם פרייז פון דעם אַרטיקל וואָס ער וועט זיך אויסקלויבן פאַר די פּאָר הונדערט רובל“.

ווען דער משרת איז צוריקגעקומען מיט דער אַנטוואָרט איז ר׳ יוסל



געוואָרן זייער אויפגעקאָכט. „וואָס? פאַר גמילת־חסד וועל איך נעמען שוה־כסף?“ נאָר דאָס ווייב האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין אַז יעצט ווען ירחמיאל איז דער מוחזק וועט ער מיט דעם בייזערן גאָר נישט אויספירן. און נאָך אַלעמען, — האָט אים ס׳ווייב געטרייסט, — מעגסטו אַהין גיין. ער האָט אַ שיין ביסל זילבער. איך האָב געזען ביי אים זעקס פּאָר זילבערנע לייכטער, אַ קאַנדאַלאַבראַ פאַר חנוכה, און בעכערלעך מיט אַנדערע קליייניקייטן אַ גאַנצן אוצר. ער האָט אויך אַ גרויסן סקלאַד מיט טייערע רויע פעלעכלעך (סקינס) פון ביבער, טכוירש, און אפילו קאַמאַטשאַטקאַ. הכלל, ער האָט זיך מיישב געווען און איז געגאַנגען.

ר׳ ירחמיאל האָט אים שיין אויפגענומען, זיי האָבן אַביסל געשמועסט פון זייטיקע זאַכן, און זענען באַלד צוגעקומען צום עיקר. און דאָ זאָגט ר׳ יוסל: „פאַר גמילת חסד דאַרפט איר מיר צו געבן מזומן געלד, נאָר אַזוי ווי איר זענט אַביסל געדריקט, וועל איך באַשטיין אויף שוה כסף ווי איר זאָגט, און זייט אַזוי גוט און ווייזט מיר אייער פרוי׳ס צירונג, אָדער זילבערוואַרג און זאָלן מיר זען וואָס עס איז ווערט“.

זאָגט צו אים ר׳ ירחמיאל: ר׳ יוסל, איר דאַרפט נישט צו פאַרלאַנגען, איך זאָל אוועקנעמען דאָס צירונג פון מיין פרוי, אָדער גאָר די שבת לייכטער. ניש קשה! איך קאָן אייך געבן עפּעס בעסערס. איך וועל אייך געבן „רויכוואַרג“.

ר׳ יוסל האָט איינגעזען אַז ער האָט ווידער רעכט. זאָגט ער צו אים: „נו! זאָל זיין רויכוואַרג. איך האָב טאַקע געהערט אַז דו האָסט טייערע פעלאַכלעך פון ביבער און אַנדערע סאָרטן“. ענטפערט אים ר׳ ירחמיאל: „צו וואָס טויג אייך רויע פעלאַכלעך, וואָס מען דאַרף דערביי אַ גאַנצע אַרבעט עס צוזאַמען צו שטעלן און דאַן ערשט אַוועקצוגעבן צו אַ קירזשנער. איך וועל אייך גרינגער מאַכן און וועל אייך געבן אַ פאַרטיקע זאַך“.

און זאָגנדיק דאָס, נעמט ער ר׳ יוסלן ביים אָרעם און פירט אים אַריין צו זיך, אין די דריטע שטוב, ווו עס איז זיך געזעסן אַן אײדעמל מיט צווויי לאַנגע פּאה׳לעך און זיך געשאָקלט איבער אַ גמרא, און זאָגט: „זעט איר, ר׳ יוסל! דאָס שוועבצל האָט מיר געקאָסט 5 טויזנט רובל, איך קומט דאָך נאָר 500, צאָלט מיר צו דעם רעשט און נעמט זיך עס.

---

ש. ערנסט (תל אביב)

## גבריאל ווייסמאַן, באַקאַנטער פאָלקלאָריסט, 50 יאָר אַלט

ביז מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק איז די וויסנשאַפט פון יידישן פאָלקלאָר געווען נאָך אין די וויקעלאַך. איגנאַץ בערענשטיין האָט אין יאָר 1908 אין וואַרשע אַרויסגעגעבן זיין ווערק „יידישע שפּריכווערטער“. ס׳איז געווען זיין חלום צו שאַפן אַן אומפאַסענדע ענציקלאָפּעדיע פון יידישע שפּריכווערטער. ער האָט נישט געקאַרגט קיין מי און זיין ווערק איז טאַקע אַן ערפאָלג־

רייכער פארזוך, און איצט איז ארויס אין ניו יאָרק אין אַ נייע אויפלאַגע.

ס'איז אָבער געווען נאָר אַן אָנהויב. דאָס פאָלק האָט כסדר אומאויפהערלעך ווייטער געשאַפן. ס'איז אַ בארימטער שפּריכוואָרט „ווילסטו דאָס פאָלק קענען — דאַן מוזטו זיין פאָלקלאָר באַקענען", ווייל דער פאָלקלאָר איז ווי אַ שפּיגל-בילד פון דער פאָלקס-נשמה.

גבריאל ווייסמאַן, געבוירן אין ראַדאָם מיט 50 יאָר צוריק, האָט פון יינגלווייז אָן זיך גענומען צו דערגענצן בערענשטיין'ס ווערק. ער איז געוואָרן דער איינציקער בעאַרבייטער פון דאָזיקן געביט. גראַד איז דאָס יידישע ווערטל אַ תורה, וואָס מען דאַרף לערנען. דער ייד איז מלא וגדוש מיט שאַרפזין און חכמה; אַ יידיש ווערטל איז שפּיציק און קייִלעכדיק און טרעפט שטענדיק אין סאַמע פּינטל אַריין. די יידישע ווערטלעך און גלייכווערטלעך זענען די שענסטע רינגען אין דער קייט פון יידישן פאָלקלאָר, וואָס באַשטייט פון מעשיות, פאָלקס-לידער, מסורות, איינגלויבענישן, וויצן א.ד.גל.

די אַרבייט פון ג. ווייסמאַן איז געווען זייער שווער. דאָ פעלט דעם שריפטלעכער קוועלן-מאַטעריאַל, וואָס מ'קען נישט אויסלערנען פון ביכער, נאָר מ'מוז שעפּן דאָס מאַטעריאַל פונם פאָלק, קלאַסיפיצירן און בעאַרבייטן מעטאָדיש. דער פאָלקלאָריסט האָט אָבער דווקא דאָס ליב, ער שעפּט פולע הויפנס פון מויל פון פאָלק.

אין צענטער פון זיין אַרבעט איז דאָס שפּריכוואָרט, לויט ווי ס'ווערט אַרויסגעגעבן פון פאָלקס-מויל. אַ ווערטל איז אַ תורה, ס'איז פאַראַן אַ סך אָפּצולערנען פון „היינו דאמרי אינשי" און „שיגרות העם" פון אשכנז און פוילן —ס'ווערטל איז ווי אַ רינג, וואָס פאַרבינדט יידן בכל תפוצות ישראל.

ג. ווייסמאַן האָט אין משך פון זיין 30 יאָריקע טעטיקייט אָפּגעקליבן אַ מאַטעריאַל, וואָס קלינגט ממש ווי אַ לעגענדע, ער האָט צונויפגעקליבן אַלע ווערטלעך פון די שטעדט אין פוילן. דער בלויזער פאָלקלאָר פון דער שטאָט ראַדאָם פאַרנעמט אַ בוך, וואָס אי'ז ארויס פון דער קהילה דאָרט און איז אַ פּערל אויפן דאָזיקן שאַפונגס-געביט.

יאָרן לאַנג האָט ג. ווייסמאַן געאַרבייט, כדי צונויפקלייבן דעם דאָזיקן אוצר, און פלוצים איז אויסגעבראָכן די מלחמה און ס'איז געווען אַ סכנה, אַז די גאַנצע אַרבייט זיינע זאָל גיין לאיבוד, האָט אָבער דער פאַרשטאָרבענער קדוש עמנואל רינגעלבלום געזאָרגט דערפאַר, אַז דער מאַטעריאַל זאָל אָפּגעהיט ווערן אין וואַרשאַווער אונטערערדישן געטאָ-אַרכיוו.

איצט געפינט זיך ג. ווייסמאַן אין ארץ ישראל. אויך אויף זיין וואַנדערוועג האָט ער כסדר צונויפגעקליבן ווערטלעך און ס'איז ווידער צוגעקומען אַ שפע פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל. דער אייניקל פון די גרויסע זיידעס, וואָס האָבן געהאַט דעם כוח פון עקשנות און האָבן זיך מוסר-נפש געווען פאַר אַן אידעע, איז געגאַנגען אויך אין זייערע דרכים.

ג. ווייסמאַן איז אויך אַ בארימטער דערציילער פאַר קינדער. זיינע קינדער דערציילונגען זענען איבערזעצט געוואָרן אין פּויליש, רוסיש, שפּאַניש



און אַנדערע שפּראַכן. דער מייסטער פון יידישן ווערטל פאַרמאָגט תמימות, וואָס פאַר'כישופ'ט דעם קינדישן לעזער. ער ווייסט צו דערציילן וועגן וווּנדער-פויגלען, וואָס פליען, און וועגן גאָלדענע פּאַוועס, וואָס פלאַטערן אין דער לופט, און אַלץ מיט אַ זאַפטיקער שפּראַך, וואָס שטעלט אים אַוועק אין דער ערשטער ריי פון די מייסטער פון דער יידישער קינדער-מעשה.

## די וועלט-קאָנפערענץ פון „ברית עברית עולמית" אין ירושלים

אין די שרייבערישע קרייזן ווערט איצט אין ישראל אַ סך דעבאַטירט וועגן העברעאישן וועלט-קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען אין ירושלים דעם 24-טן יולי 1950. עס ווייזן זיך שוין די ערשטע דעלעגאַטן, וואָס קומען אַהער פון דער גאָרער וועלט.

ערשט היינט האָבן דר. ראָזענפעלד, פּראָפ. נ. סלושץ און נתן גורן דערקלערט, אין אַ פּרעסע-קאָנפערענץ, די צילן און אויפגאַבן פון קאָנגרעס און האָבן באַטאָנט די גרויסע אויפגאַבע, וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט, צו דערמוטיקן די טרעגער פון העברעאישן רענעסאַנס, באשר הם שם.

וואָס ווילן מיר?

אויף דער פראַגע ענטפערט אַ העפט, וואָס דר. ראָזענפעלד האָט צוטיילט צווישן די זשורנאַליסטן. דער העפט האָט צוויי טיילן:

1. „בעיות הקונגרס העברי הראשון".
2. „בארצות הגולה".

צו אַלעם ערשט ווערט דאָ באַטאָנט די טראַדיציע פון העברעאיש. הרב הראשי עוזיאל, דוד שמעונוביץ, יהודה בורלא און פּראָפ. קלויזנער ווייזן אונז, ווי אַזוי די אידייע פון אויפזאַמלונג (כינוס) איז ענג פאַרבונדן מיטן העברעאישן רענעסאַנס. העברעאיש אַלס שפּראַך, אַ לעבעדיקע אין מויל פון פאָלק, איז זיכער פון די שענסטע און גרעסטע דערגרייכונגען פון קיבוץ גלויות אין ישראל. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט די גאַנצע ברכה פון באַנייטן היימלאַנד. ענערגיע, וואָס האָט געדרעמלט ערגעץ אין די טיפענישן, אין משך פון דורות האָט דערוואַכט און דורכגעבראָכן זיך אַ וועג צום יונגען דור.

אשר בראַש, פאָרזיצער פון העברעאישן ליטעראַטן פאַראיין אין ישראל, באַטאָנט דאָס אין זיין אַרטיקל „די אויפגאַבן פון ערשטן העברעאישן קאָנגרעס" — שרייבט בראַש — איז צונויפצוקלייבן די טראָגער פון העברעאישן רענעסאַנס, כדי זיי צו דערמוטיקן אין זייער אַרבייט.

דער העברעאישער רענעסאַנס שפּילט איצט אַן אויפמונטערנדע ראָלע אין דער גאָרער וועלט, ד'ער קאָנגרעס וועט דאָס פאַרשטאַרקן, וועט דעמאָנסטרירן פאַר דער „גולה", אַז צוזאַמען מיטן אויפלעבן פון דער העברעאישער שפּראַך ווערט אויך צעאַקערט דאָס פעלד מיט קולטורעלע ווערטן.

„אויפזאַמלונג, אַנשטאַט צעשפּרייטונג" — באַטאָנט פּראָפעסאָר נ. סלושץ אין זיין אַרטיקל „שפה אחת ודברים אחדים". יידן האָבן געשאַפן געניאַלע יצירות אין אַלע דיאַלעקטן פון זייער אויסשפּראַך, אַפילו אין איראַן האָבן

יידן געהאט גרויסע דיכטער, וואָס האָבן געשאַפן באַלאַדעס און פּאָעמעס אין יידיש־פּערסיש און אַזוי אויך האָבן יידישע שרייבער געשאַפן ליטעראַרישע שאַפונגען אַפילו אין „טאַטעריש“, אַ דיאַלעקט פון די בערג־יידן אין קאַווקאַז. אָבער די אמת׳ע יצירה פון יידן, איז דאָס וואָס ווערט געשאַפן אין העברעאיש, און דאָ אין ישראל איז איצט אַן אמת׳ע קולטור־אויפלעבונג, אַ ליבע באַהעפטונג פונם נייעם ייד־מענטש מיט זיין מקור; מיטן קוואַל פון דער יצירה. קולטור ווערט דאָ אין ישראל אַקטואַליזירט אין לעבן, ס׳ווערט דאָ דערהויבן צו היסטאָרישער וויזיע.

דר. א. ראָזענפעלד גיט אין זיין אַרטיקל „לפני הקונגרס ואחריו“ (פאַרן קאָנגרעס און נאָכן קאָנגרעס), אַן איבערבליק וועגן דער אַנטוויקלונג פון העברעאישן רענעסאַנס, ער ווייזט אָן, אַז עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן איינציקע פּאַרזוכן צו רופן אַזאַ קאָנגרעס, אָבער נאָר איצט, מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל איז אַזאַ קאָנגרעס געוואָרן אַקטועל. מיר מוזן איצט אונטערשטרייכן אונזערע דערגרייכונגען און זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון, וואָס עס איז דורך אונז געשאַפן געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט. מיר זענען נישט נאָר י ש ר א ל, נאָר אויך „כנסת ישראל“. אונזער וויטאַליטעט איז דער יידישער גייסט. די יידישע יצירה. דער העברעאישער רענעסאַנס מוז ווערן אַ „בית מקדש“, געבויט איבערן גאַנצן ערד־קוגעל, ווו נאָר אַ געצעלט פאַר דער שכינה פון דער יידישער יצירה, מוז פּוליסירן דער העברעאישער רענעסאַנס. דער קאָנגרעס וועט דערמוטיקן די צעשפּרייטע כוחות און וועט אוועקשטעלן די העברעאישע קולטור אויף דער הויך פון אַ פאָלקס־קוואַל, פון וועלכן מיר וועלן שעפּן גייסטיקע יניקה.

דר. ראָזענפעלד גיט איבער, ווי אַזוי די העברעאישע באַוועגונג האָט באַפרוכפּערט די יידן אין די מזרח־לענדער, וואָסאָ קומען איצט אין זייערע מאַסן קיין ישראל. העברעאיש איז צום טייל דאָס לשון פון די אינטעליגענטע יידן פון צווישן די מזרח׳דיקע עולים. און מען טאָר נישט דערלאָזן ווייטער, קיין „מגדל בבל“, אַז אין ישראל זאָל מען רעדן אין „שבעים לשון“.

מדינת ישראל וועט אַ סוף מאַכן, נישט נאָר צו דער „פּאָטערלאַנד־לאָזיקייט“, פון די יידן; נישט נאָר וועט דער ייד אַלס יחיד באַקומען זיין נאַציאָנאַלע היים נאָר ער וועט אויך באַקומען אַ גייסטיקע היים. העברעאיש איז ווי אַ שטאַרקער בוים איינגעגראָבן טיף מיט זיינע וואָרצלען אין דער פעטער ערד פון יידישן עבר, און דערמיט וועט ווערן פאַרבונדן אויך אונזער קעגנוואַרט און אונזער צוקונפט.

---

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

נישט נאָר מיר געבן פּלאַץ פאַר אַזאַ באַריכט פון ישראל צוגעשיקט פון אונזער חשובן מיטאַרבעטער ש. ערנסט, נאָר מיר דרוקן אים אויך גערן אָפּ, ווייל אונזער ליבשאַפט צו העברעאיש איז לגמרי נישט ווייניקער ווי צו יידיש. אונזער אויפגאַבע, — און אַפילו אונזער קאַמף! — איז נישט צו דערלאָזן, אַז יידיש זאָל געהערן צו יענע „שבעים לשון“ פון „מגדל בבל“...



# צו ראַוויטשעס באַזוך אין לאָנדאָן

1

אין זיין וועג ווי אַ באַדייטנדיקער פּאָעט און שריפטשטעלער אין אונזער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור, באַגלייט מלך ראַוויטשן זיין גאַנץ לעבן אַ גרויסער ערנסט; אַ יקר המציאות ביי יידישע שרייבער. זיינע גרויסע און ערנסט־פאַרטראַכטע טעמעס און די נעמען פון זיינע ביכער, ווי „שפּינאָזע“, „פרע־היסטאָרישע לאַנדשאַפטן“, „קאָנטינענטן און אָקעאַנען“, קומען מסתמא פון דער זעלבער נטיה.

און דער זעלבער גרויסער ערנסט פילט זיך אויך אַרויס ביי אים בנוגע יידיש און יידישע ליטעראַטור!

ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן“ (פון די יידישע שרייבער, קינסטלער, און קולטור־טוער אין פּוילן) וועט אויך בלייבן אונזער לעקסיקאָן, ווייל מיטן גאַנצן ערנסט און מיט גרויסן גלויבן אין דער שעפערישקייט פונם יידישן שרייבער און זיין אומשטערבלעכקייט, — שוין צו טראַכטן פון אַזאַ אַטריבוט ביים יידישן שעפערישן מענטש פון אונזערע טעג, מוז מען שוין זיין „טויט ערנסט“! — ווייל ער אַפילו תופס זיין די יידישע באַהעמישקייט.

פאַר דער אייביקייט טאָר גאָר נישט פאַרהוילן זיין... — אַפילו די כליאַסטרע: פּער אַספּערא אַד אַסטראַ!

מלך ראַוויטש האָט אויף זיך גענומען אַ שליחות צו נעמען ערנסט די יידישע ליטעראַטור! אין זיינע עסייאיסטישע אַרבעטן און אַרטיקלען אין די לעצטע יאָרן וואַרפט ער זיין וואָגיק וואָרט אין יעדן „צד“ אַריין — נישט קיין קטיגור איז ער, נישט קיין סניגור! ער זאָגט זיך אָפּ זיין וואָרט, ווי דער שליח אין „דבוק“: זאָל די זאַכן נישט געשען סתם אין דער וועלט אַריין, ווי עס וואָלט טאַקע שוין געווען לית דין ולית דיין! — זאָלן די זאַכן האָבן אַ מיין, אַ שליחות. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן די יידישע ליטעראַטור, וועגן אונזער אייביקייט.

2

און זיין גיין איצט קיין ישראל, גייט ער אויך מסתמא ווי אַ געשיקטער, (נישט ווי אַ געשיקטער פּיפּיקער זשורנאַליסט), דאָרטן אויסצופירן אַ שליחות! (איז זיין זיין אין אויסטראַליע, און אין די לעצטע יאָרן אין קאַנאַדע נישט געווען פון אַזאַ מין כאַראַקטער? און זיין וואַרשעווער אינטעלעקטועלער אינטימיציע־צייט ווי דער מיט־באַגרינדער און רעדאַקטער פון די „ליטעראַרישע בלעטער“ און שפּעטער ווי דער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13!) דער קאַלטער גערעדנגל איצט אין ישראל, אַרום יידיש, וועט באַלד אָנהויבן ווערן טויט־ערנסט; איז דאָרטן נויטיק אויפן פּלאַץ, אַן ערנסטער מענטש מיט שרייבערישן אחריות.

מלך ראַוויטש ווייסט צופיל פון דער אומשטערבלעכקייט פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור, אַז ער זאָל געהערן צו יענע יינגלשע מיט־

לויפערס און אלטע נאָכלויפערס, וואָס לויפן איצט זיך „באזעצן" קיין ישראל, זיך צו זיכערן אַ שטיקל איבערזעצטע אומשטערבלעכקייט אין דער בעל־ביתיש־געזעצטער העברעאישער ליטעראטור. צו דעם איז שוין צומאל נישט נויטיג דער גרויסער שרייבערישער ערנסט און אחריות, דער שמינית־שבשמינית־שטאָלץ וואָס אַ שריפטשטעלער מוז האָבן, געגוגט אויך שוין דערצו.

ווינטשן מיר דעם חשובן גאסט ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, אויף זיין דורכרייזע פון קאנאדע קיין ישראל, אַ הארציק ברוך הבא און אַ געבענטשן לך לשלום קיין ישראל, צו דערלעבן דאָרטן דעם געשעענעם נס און דאָס וווּנדערלעכע, וואָס ס׳געשעט דאָרטן טאָג איין און טאָג אויס, אין באַנייטן יידישן לאנד און מיט די יידן וואָס זיינען זוכה דאָרטן זיך צו פארוואָרצלען.

און נאָך ווינטשן מיר אים, דעם גאָט־פאַרבענקטן פּאָעט, מלך ראוויטשן, אז זיין גאָט־געראנגל, וואָס באגלייט זיין דיכטונג זיין גאנץ לעבן, זאָל דאָרטן אין ישראל, אויף דער הייליקער ערד, קומען צו נייע נצח־נצחונתדיקע התגלותן.

פ.ס. פון די נסיעות קיין ישראל, זיינען מיר דאָ, על אם הדרך, אויך עפּעס מרוויח. אָט פאָרט ראוויטש קיין ישראל, טרעט ער אָן ביי אונז. אין ישראל ביי געזעגענען זיך, זאָגט מיר לייוויק, אז אויף זיין צוריק־רייזע וועט ער ביי אונז אָפּטרעטן. לויט ווי מיר הערן איז לייוויק שוין אָפּגעפאָרן פון ישראל, דערווארטן מיר אים דאָ אויפצונעמען מיט גרויס כבוד, ווי ס׳געהער פאר אזא חשובן גאסט ווי אונזער גרויסער דיכטער ה. לייוויק.

---

## גרייט אייך אלע צום גרויסן ווארט-קאנצערט, וואָס פריינט

פון יידיש־לשון גרייטן צו דעם 22 אויגוסט אין אַדלער־הויז, ווענדט אייך צו אונזער סעקרעטאר ער זאָל אייך שיקן בילעטן צום וואָרט־קאָנצערט. פרייז: 10/6, ‎-/5, ‎3/6.

אין אַלע ענינים, אָנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 1־טן יולי: אַ קבלת־פּנים פאר מלך ראוויטש.

שבת, דעם 8־טן יולי: הערצל־ביאליק יאָרצייט. רעדנער שלמה אויערבאך און יוסף פרענקל.

שבת, דעם 15־טן: קבלת פנים פאר יואל מאסטבוים.

שבת, דעם 22־טן: דער טראדיציאָנעלער שבת־חזון.

שבת־נחמו, דעם 29־טן, געווידמעט נחמן רובין, צו זיין 30־טן יאָר רעציטירן פון דער יידישער ליטעראטור.




## סילועטן אין שפיגל

אָ נייער באנד לידער און פּאָעמען פון דעם באקאנטן לאָנדאָנער דיכטער ס. פאלמע, מיט דעם נאָמען „סילועטן אין שפיגל" איז אַרויס אין דרוק און וועט בקרוב דערשיינען. דער מחבר וועט זיין דאנקבאר יעדן, וועלכער וועט זיך אויף דעם באנד אַבונירן און דערמיט דערמעגלעכן דעם אָפּצאָל. די אויסגאבע וועט אויך זיין אילוסטרירט פון דעם מחבר, וועלכער איז אויך מאלער און צייכנער. ביטע זיך ווענדן צום פאָלגענדן אדרעס:

S. PALME, 193 Dalston Lane, London, E.8.

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין איירָאפּע.)

די סוף־תורש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"

זונטאָג, דעם 28־טן יולי

אין לאָקאל פון

„בן-אורי" קונסט גאלעריע

14 פּאָרטמען סטריט וו.1

א ווייסענבערג און

נאמבערג אווענט

עס וועלן זיך באַטייליגן: משה עובד, דאָראַ דימאָנט, י. ביעטש און נ. רובין.

פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

---

אַרויס פון דרוק:

„די בייגעל-פארקויפעריןביים דניעפּר" און אַנדערע דערציילונגען

פון מארקס קאהען

צו באקומען אין אלע יידישע בוכהאנדלונגען און ביים סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש לשון":

N. RUBIN, 193, Evering Rd., Clapton, E.5.

---

מרס. פעניא סאלמאן און פאמילע, דריקן אויס זייער הארציקן דאנק צו אלע פריינט און חברים, וועלכע האָבן אנטייל גענומען אין דעם טרויער פון זייער גרויסן פארלוסט.

ס׳איז אוממעגלעך צו ענטפערן יעדן באזונדער און בעטן אָננעמען דעם נאָטיץ אלס אויסדרוק פון דאנקבארקייט.

אין טיפן טרויער,

פּ. סאלמאן און פאמיליע.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פֿאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 8 (העפט 127) עלפטער יארגאנג אויגוסט 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

קבוץ גליות אָדער שלילת הגלות........................... ** 1
שיבת ציון אַמאָל און היינט (עסיי)............ דר. יעקב י. מייטליס 6
ביי די קברים אין תל חי (רעמינעסענס).......... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 11
אָט קומען זיי די רעשטלעך (ליד).................. אריה שדמי 16
די שיינע שבעה (ראָמאַן)....................... לעאָ קעניג 18
באגינען (ליד)................................. ש. זאלקין 24
קאָמפּאָזיציע (צייכענונג)........................ ס. פאלמע 25
אַ הייזעלע אויף אַ בארג (ליד).................... ס. פאלמע 26
איך האס יענע פרייהייט (סאָנעט)............... יוסף הלל לעווי 26
מרדכי גאָטפריד — ליטעראַרישער באהעם פון ווין, איצט באַרימטער
שרייבער אין ישראל.......................... ש. ערנסט 27
נישט געשריבענע בריוו, הושע (פּאָעמע)............ א. נ. שטענצל 28
קולטור־טוער אין ישראל באערן יואל מאסטבוים
צו זיין יובילעאום.......................... אפרים טויבענהויז 36
ראָבערט שטריקער (רעצענזיע)........................ י. ל. 38
„פאַר אונזערע קינדער" (רעצענזיע)............. יוסף הלל לעווי 39
„פארגעס מיך נישט" (רעצענזיע)................. הערש שישלער 41
ה. לייוויקס „די חתונה אין פערנוואלד" (צו לייוויקס באַזוך אין
אייראָפּע)........................................ ש. 43
„אַ שוואַנץ מלמד" (אַ פאָלקלאָר מעשה).......... יחזקאל נח ערלעכמאן 45
געסט פון ישראל ............ 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס............ 48

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנעמענט־פּרייז: —19/6 פאר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

### ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

***Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1***